# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 63 - Spring 1971 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/8rs9q1j8

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 63(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
1971

**Copyright Information**
Copyright 1971 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור

**און געזעלשאַפטלעכע ענינים**

## 63


25-טער יאָרגאַנג • נומער 63

פרילינג • תשל"א • 1971

אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

# אינהאַלט


משה שקליאַר: צוריקבליק (לידער) — 3
רבקה סאַוויטש גאָלאָמב: דער מענטש אין זיין מעכטיקייט און אומבאַהאָלפנקייט 5
יהודה וואָלפסאָן: אַ בריוו־אויסטויש — 8
א. גאָלאָמב: אַ שאלה — 13
פינטשע בערמאַן: צוויי לידער — 15


## די צוקונפט פון יידישקייט (אַ סימפּאָזיום)


א.— אַריה פּאָזי: אַריינפיר — 16
ב.— א. גאָלאָמב קורצזיכטיקייט אין געשיכטע — 24
ג.— שמואל גאָלדשמידט: דער כוח פון יידישקייט — 26
יוסף לעפּטוויטש: צוויי לידער — 28
העניך בערמאַן: ווי אַזוי מען דערקענט אַ פאָלק — 29
זלמן זילבערצווייג: די יידישע ליטעראַטור־קריטיקערס אין אַמעריקע — 31
ד"ר מנחם נאור: תנכישע צייט־באַשטימונגען — 35
יצחק קאָלער: די אייגנאַרטיקייט פון יידישן הומאָר — 38
מאיר אייזנדאָרף: וואָס מאַכט אַ ייד? (אַ וואָרטשפּיל) — 44
יצחק ניומאַן: דאָס פּראָבלעם נשמה — 46
סאָניע אָמאַן: אַ קאַפּיטל זיכרונות (ליד) — 48
רבקה קאָפּע: ראַנדעוווּ (ליד) — 49
ז. בונין: אַ מעשה שהיה (דערציילונג) — 50
ישראל עמיאָט: שמואל יוסף עגנון (צו זיין ערשטן יאָרצייט) — 56
ז. ז.: שמריהו קאָוונער ע"ה — 57
שמריהו קאָוונער: ווייט, ווייט (ליד) — 58
מיכאל זילבערבערג: אַ צוזאַמענטרעף מיט ש"י עגנון — 59
ש. י. עגנון: צוויי דערציילונגען (יידיש פון אַלמוג) — 61



# HESHBON

*QUARTERLY LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

H. BERMAN, Administrator-Treasurer

1942 Pelhom Ave. — Los Angeles, Calif. 90025 — Tel. 270-3058

S. BUNYAN, Secretary

7327 El Manor Ave. — Los Angeles, Calif. 90045 — Tel 776-1956

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY

SCHWARTZ PRINTING CO.

100



אַריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל וויס,
מיטרעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן,
פאַרוואַלטער־קאַסירער
אַלעקס ראַבין, משה קאַפּלאַן
קאָנסולטאַנטן

25טער יאָרגאַנג, נומער 63 • פרילינג, תשל"א • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


**משה שקליאַר**

## צוריקבליק

(פראַגמענט)

און איך בין שוין אַ פופציקער געוואָרן —
אַ דערוואַקסענער, אַ קינד, ווער ווייסט?—
איך גיי נאָך אַלץ אַרום אויף וועלט פאַרלאָרן,
אַלץ זעט אויס מיר חידושדיק און ניי.

דער בוים וואָס רוישט און ווינט מיט זיינע צווייגן.
דער טייך— פון ברעג ביז ברעג פאַרקלעמט,
ווי ער וואָלט אין זיין פליסטער און אין שווייגן
פאַר זיין שפּיגל זיך אַליין פאַרשעמט;

די בערג, די טאָלן און די גרינע גראָזן,
וואָס וואַשן זיך אין טוי יעדן פאַרפרי,
דער טאָג, וואָס האָט ערגעץ די נאַכט געלאָזן
און גייט איצט אויף מיט זוניקן צעגלי.

די ערד, דער הימל און די ווייטע שטערן,
און דער מענטש — דער הויפּט־סוד פון באַשאַף,
וואָס וויל אַליין איצט דער באַשעפער ווערן,
נאָר זיין מי האָט אַלץ נאָך נישט קיין האַפט.

א'ך לעב כסדר אין אַ וועלט פון חלום,
וואָס איז מיר ליבער ווי יעדער וואָר—
איז וואָס, אַז ס'נעמט די עלטער זיך שוין מאָלן
אויף די ערשטע פאַסמעס גרויע האָר?

***

די גרויקייט דערמאָנט מיך אין ווייטע פאַרנאַכטן —
דער אָרעמער הויף אין אַ נעפּל פאַרהילט,
ס'האָט יאַנעק די טויבן אין שטייגל פאַרמאַכט שוין,
נאָר איך בין נאָך אַלץ מיט די טויבן אין פלי.

איך טראָג זיך אַרום אויף די זילבערנע פליגל
אין הימלען אַריבער די וואָלקנס, און אַלץ
אויף אייביק פאַרבלייבט אינעם דימיון פאַרזיגלט
און ס׳צאַפּלט און ציטערט דאָס קינדערשע האַרץ.

די ערד אונטער מיר, דאַכט זיך, ווערט עפּעס לייכטער,
וואַקלט זיך, הייבט זיך און פאַלט ווידער, צוריק
ווי זי וואָלט נישט קענען פאַרגינען מיין גרייכן
אין הימלישע ווייטן מיט קינדערשן בליק.

אַזוי בין איך דעמאָלט אין הויף דאָרט געוואַקסן —
די ערד אַ צעהוידעטע אונטער די טריט
און לויטערע הימלען אַריבער די אַקסלען
און איך — אַ פאַרבלאָנקעטער ייד — אין דער מיט.

געזוכט כ׳האָב אַ זיכערן פּונקט אויף דער ערד דאַן,
ווו קאָנען איך זאָל זיך פאַרהאַלטן אין רו
און ערלעכער וייטערגאַנג זאָל מיר נישט שווער זיין,
נאָר ווידער פאַרבלאָנדזשעט איך האָב ערגעצוו.

***

אין שול אַריין צום ערשטן מאָל
געפירט האָט מיך דער טאַטע
און כדי נישט וויינען כ׳זאָל
ווען ער׳ט מיך דאָרט באַשטאַטן —

האָט ער מיר וועגן זיך דערציילט
פון זיינע קינדער־יאָרן,
ווי ער האָט זיך אַ מאָל געאיילט
צום חדר אויפן גאָרן.

וואָס איז געווען אָנגעפילט
מיט ייִנגעלעך פאַרשייטע,
וועמענס ניגון האָט זיך מילד
געטראָגן אין דער ווייטן.

און שפּעטער האָט דער ניגון אים
באַגלייט אויף אַלע וועגן,
גלייך ער וואָלט פאַרוויגן אים
אין שטורעמס און אין רעגנס.

איך האָב געהערט דעם טאַטנס רייד
אין חלומדיקן וואַכן,
און פּלוצים האָט אַ שטילע פרייד
אין שול אַריין געבראַכט מיך.

און היימיש איז געווען דאָרט
און גוט אַזוי צו הערן
מיין טאַטע־מאַמעס יידיש וואָרט
אין מויל פון יעדן לערער.

און אָפט מאָל האָט זיך מיר געדאַכט —
ס׳איז גאָר דעם טאַטנס ניגון,
ער האָט אויפסניי אין מיר דערוואַכט,
נאָר נישט אויף צום פאַרוויגן;

צום ווערן הייליק אָפּגעהיט
אין נאָמען פון אונדז ביידן,
צום געבן אים אַ זין אין ליד —
מיט ניי־וואָרט אים באַקליידן.



רבקה סאַוויטש גאָלאָמב

# דער מענטש אין זיין מעכטיקייט און אומבאַהאָלפנקייט

וואָס איז אַ מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענקען?
און אַ מענטשנקינד, אַז דו זאָלסט אים דערמאָנען?
וואָרום האָסטו אים געמאַכט שיר ניט מינער פון גאָט
און מיט כבוד און שיינקייט באַקרוינסטו אים.
(תהילים ח׳, 5, 6 — יהואָש)

טאַקע וואָס איז אַ מענטש? מה אנוש כי תזכרנו ובן־אדם כי תפקדנו? אָט פאַרמעסט ער זיך מיט גאָט און שטייט שוין ביים שוועל פון דעשיפרירן דעם סוד פון לעבן... און אָט איז ער אָנמעכטיק און ווערט געשליידערט ווי אַ שפּענדל אויף די ברויזנדע כוואַליעס פון אַ שטורעמדיקן ים. אָט איז ער גאווהדיק און פול מיט גדולה פון זיינע ממש געטלעכע דערפינדונגען, און כהרף־עין בלייבט ער צעטומלט, געפּלעפּט און פאַרלאָרן.

* * *

9טער פעברואַר, 1971. דער טאָג ווען די דריי העלדישע אַסטראָנאַטן פון אַפּאָלאָ 14 האָבן זיך געדאַרפט צוריקקערן פון זייער פאַנטאַסטישער עקספּעדיציע און עקספּלאָראַציע־רייזע אויף דער לבנה. און דער זעלבער 9טער פעברואַר, 1971 — דער גרויליקער טאָג פון פּאַניק, טויט און חורבן אין לאָס אַנדזשעלעס. דער אומפאַרגעסלעכער, טראַגישער טאָג פון דער ערד־ציטערניש, וואָס האָט זיך געצויגן, דאַכט זיך, ווי אַן אייביקייט; און וועט אייביק בלייבן איינגראַווירט אין זכרון פון יעדן איינעם וואָס האָט עס איבערגעלעבט.

* * *

יצירה און חורבן. (שאַפונג און דעסטרוקציע). מה רבו מעשיך בן־אדם! מעכטיק איז דער שעפערישער גייסט פון בחיר היצורים! ווי וואונדערלעך זיינען די אויפטוען און דערגרייכונגען פון האָמאָ סאַפּיענס, און ווי גיך, ממש אין סעקונדן ווערט דאָס אַלץ חרוב דורך פאַרבאָרגענע, אומזעבאַרע, מעכטיקע, גרויזאַמע נאַטור־כוחות.

דער וועטער־נביא האָט אין אָוונט צוגעזאָגט, אַז דער 9ער פעברואַר וועט זיין וואַרעם און זוניק, און דערלויבט די קינדער זיך אָנצוטאָן לייכט ווען זיי וועלן גיין אין שול. אָבער ווו שול?... ווען שול! פּונקט 41 סעקונדעס נאָך זעקס פאַרטאָג האָט זיך דערהערט אַן אומנאַטירלעכער, משונהדיקער גערויש. דער עלעקטרעשטראָם האָט זיך איבערגעריסן, און אַלץ האָט זיך פּלוצים גענומען וויגן, שאָקלען, טרייסלען, שפּאַלטן, ברעכן; און מיליאָנען הערצער האָבן זיך גענומען צאַפּלען אין שרעק און פּאַניק.

ווי עס טרעפט אין יעדער קאַטאַסטראָפע, שפּילט איינעם צו דאָס מזל, אָדער צופאַל, און ער גייט אַרויס מיט גאַנצע ביינער, און פאַר אַ צווייטן איז עס קאָמפּלעטער חורבן און אומקום. אין אַ פּענסיאָנערן־הויז, אין צענטער פון שטאָט, האָט זיך איינער אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן און איז תיכף געהרגעט געוואָרן פון די אָפּגעריסענע שטיקער פון אַ פאַלנדיקן דאַך. די איבעריקע, וואָס האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט, האָבן זיך געראַטעוועט. אין אַ צווייטער הויז איז געשען פּונקט דאָס פאַרקערטע: דער מאַן איז אַרויסגעלאָפן פון הויז און איז געבליבן לעבן. זיין 25 יאָריקע פרוי איז געבליב ליגן אין בעט, און איז דערדריקט געוואָרן אונטער די חורבות פון אָפּגעריסענעם באַלקן.

די געלאָגן און סיסמאָלאָגן זיינען געבליבן דערשטוינט און געפּלעפּט, ווייל די איצטיקע ערד־ציטערניש איז ניט געווען די יעניקע וואָס זיי דערוואַרטן אין באַרימטן סאַן אַנדרעאַס ברוך, און זיי זאָגן אַז זי איז אומפאַרמיידלעך.

ממש אין סעקונדן זיינען 36 פּאַציענטן און צען אָנגעשטעלטע געבליבן אונטער די חורבות פון אַן איינגעפאַלענעם שפּיטאָל. פון צוואַנציק בריקן וואָס האָבן פאַרבונדן די הויפּטוועגן, איז ניט געבליבן

קיין זכר. די אָנגעשאָטענע גרודעס צעמענט און די אויסגעקרימטע מעטאַלענע רערן און שטאַנגען זיינען געבליבן ווי עדות פון אַמאָליקן גאונישן אויפטו פון אינזשעניר־הענט. דער נייער באַרימטער מעדיצינישער צענטער, מיט זיין פּאָעטישן נאָמען: „זיתים־אויסבליק" („אָליוו וויו"), וואָס האָט אָפּגעקאָסט 34 מיליאָן דאָלער און איז מיט גרויס פּאַראַד דערעפנט געוואָרן אין סוף אָקטאָבער, האָט זיך אַ וויגגעטאָן, אַ גליטש געטאָן, און זיך צעשאָטן אויף ברעקלעך. אין טויזנטער הייזער און געביידעס האָבן זיך אויסגעבראָכן אַלע שויבן. פּיאַנאָס, טעלעוויזיעס, אייזקאַסטנס און אַנדערע מטלטלין האָבן זיך איבערגעקערט; ווענט האָבן זיך געשפּאָלטן און דעכער האָבן זיך צעשאָטן.

די גרעסטע צאָל קרבנות און היזיקות זיינען געווען אין טאָל פון לאָס אַנדזשעלעס. מען האָט תיכף געמוזט עוואַקואירן אַכציק טויזנט נפשות. אין אַ סך ערטער האָבן זיך צעבראָכן די גאַז־רערן, וואַסער־רערן און עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס. ס'זיינען אויסגעבראָכן אייניצייטיק שרפות און פאַרפלייצונגען. און ווי אין יעדער מענטשלעכער דראַמע גייט טראַגיק תמיד געמישט מיט אַ שפּאָר ביסל קאָמעדיע. אַ מענטש וואָס איז געלעגן אָן אַ פּיפּס און אָן אַ שאָרך פּופּצן לאַנגע שעהען פאַרשאָטן אונטער די חורבות פון אַ שפּיטאָל, האָט גלייך ווי מען האָט אים אויסגעגראָבן געבעטן מען זאָל אים געפינען אונטער די חורבות זיינע פאַלשע ציינער און זיינע ברילן. אַ צווייטער, אַן 68 יאָריקער מאַן, וואָס איז געווען פאַרשאָטן און געלעגן אונטער די חורבות פון שפּיטאָל גאַנצע 58 שעה, איז געבליבן ניט נאָר לעבן, נאָר איז אַרויס אומבאַשעדיקט, און דאָס ערשטע וואָס ער האָט שפּאַסיק געפרעגט זיינע רעטער, אויב ער איז נאָך אַ לעבעדיקער מענטש, אָדער ער איז שוין אַ מת?

ס'האָט נאָך צוגעשפּילט דאָס מזל דעם שוואַכן, אומבאַהאָלפענעם בן־אָדם וואָס פאַרמעסט זיך שוין מיטן בורא עולם. וואָלט חלילה דער מאַמע־ערד זיך פאַרגלוסט אַ הוידע צו טאָן אַ פּאָר שעה שפּעטער — וואָלטן קרבנות זיכער געווען אין די צענדליקער טויזנטער. 23 שולן זיינען אַזוי באַשעדיקט געוואָרן, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אין זיי צו לערנען. ס'איז אָבער געשען, איידער די קינדער זיינען אַהין געקומען. ס'איז זיך אויך גרינג פאָרצושטעלן וואָס ס'וואָלט געשען אויף די וועגן ווו צוואַנציק בריקן זיינען איינגעפאַלן. און וואָס וואָלט געטראָפן אין די גרויסע סופּער־מערק, און אין די גרויסע דעפּאַרטמענט־געשעפטן, ווו צעבראָכן גלאָז האָט זיך אויסגעמישט מיט די סחורות פון די פאַלנדיקע פּאָליצעס? אַ סך, אַ סך ל. א. איינוווינער וואָלטן געדאַרפט בענטשן גומל.

* * *

אין דעם דאָזיקן פאַטאַלן טאָג איז דער באָדן אונטער די פיס געווען אין אַ כסדרדיקער באַוועגונג. סיסמאָלאָגן האָבן אויסגעציילט, אַז אין די ערשטע דריי שעה זיינען געווען 68 נאָך־ציטערנישן פון באַדייטנדיקער שטאַרקייט. די פייער־לעשער און די אַמבולאַנסן זיינען אַרומגעפאָרן ווי די רוחות און פאַרהילכט די לופט מיטן סירענען־געפילדער. און די טעלעוויזיע האָט באַלד געבראַכט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון אונדזער צעשפּרייטער שטאָט דעם גאַנצן חורבן דירעקט אין שטוב אַריין.

אַזוי ווי מיר זיינען געווען פון די מזלדיקע וואָס זיינען אָפּגעקומען מיט אַ סך שרעק און אַרויס מיט גאַנצע ביינער — האָבן אונדזערע אויגן נאָכגעפאָלגט דעם טעלעוויזיע־עקראַן בילד נאָך בילד, סצענע נאָך סצענע. עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז די גרויסע דראַמע וואָס איז געווען פול מיט פּאַניק און כאַאָס, אומבאַהאָלפנקייט און צעטומלונג, חורבן און אומקום. מיר האָבן אָבער אויך דערזען אַזוי פיל מענטשלעכקייט, וואַרעמקייט און הילף־גרייטקייט; אַזוי פיל זאָרג פון איינעם פאַרן צווייטן און אַזוי פיל געטרייקייט. דאָס מענטשלעכע אין די מענטשן האָט אַרויסגעשטראַלט פון די פאַרבאָרגענע נשמה־טיפענישן. ס'איז אויך געווען רירנדיק צוצוזען ווי קינדער האָבן בעתן עוואַקואירן זיך, מיטגענומען זייערע הינטלעך און קעצלעך און זיי געטראָגן צוגעטוליעט אין זייערע אָרעמס. אפילו די בעלי־חיים זיינען געווען, פּונקט ווי די קינדער, פאַראַליזירט פון שרעק.



* * * * *

ווי מיר זיינען אַזוי געזעסן ביי דער טעלעוויזיע צעטומלט און דערשראָקן און זיך צוגעקוקט צום גרויסן בראָך, האָבן מיר קאָמענטירט בעת מעשה וועגן דער גרויזאַמקייט פון די מעכטיקע נאַטור־כוחות, וואָס צעשמעטערן כהרף־עין אַלץ וואָס דער מענטש שאַפט מיט אַזוי פיל מי און זאָרג. מען בויט טאַקע אויס פּיתום און רעמסס, אָבער ס'קומען וווּלקאַן־אויסברוכן, הוראַגאַנען, ערדגליטשן, שרפות, פאַרפלייצונגען און ערד־ציטערנישן און פון דער גאַנצער האָרעוואַניע בלייבט קיין זכר ניט. דער מענטש לעקט אָפּ זיינע וווּנדן, פאַרגעסט אָן די קאַטאַסטראָפעס, און ווי מוראַשקעס שפּאַנט ער זיך ווידער איין אין דער אַרבעט און פּרובירט ווידער גובר זיין אַלע שטרויכלונגען.

* * * * *

פלוצלונג האָט אונדז געוויזן די טעלעוויזיע־אויג אַן אַנדער פּאַנאָראַמע. מיט אַ מאָל האָבן מיר דערזען איבער די בלויע פּאַסיפיק וואַסערן, ערגעץ אויף אַ מרחק פון טויזנטער מיילן, נאָענט צו דער אַמעריקאַנער סאַמאָאַ, ווי עס עפענען זיך דריי אָראַנזש־ווייסע פּאַראַשוטן און עס האָט זיך דערהערט פון דער חלל־שיף אַ פריידיקע, מונטערע שטים פון איינעם פון די אַסטראָנאַטן: „אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג, עס גייט גוט און פיין!"

זייער פלי און לאַנדונג איז באמת געווען אַזוי פּערפעקט און אַזוי פּרעציז אויסגערעכנט — זיי האָבן פאַרשפּעטיקט בסך־הכל אויף פיר סעקונדן און זיך אַראָפּגעלאָזן אין אָקעאַן נאָר אַ האַלבע מייל פון באַשטימטן פּונקט. די סענסיטיווע, פּרעציזע אינסטרומענטן אין ווערט פון 25 מיליאָן דאָלער, וואָס די אַסטראָנאַטן האָבן אינסטאַלירט אויף דער לבנה, האָבן תיכף אָנגעהויבן אַרבעטן. די וויסנשאַפטלער האָפן, אַז די דאָזיקע ווערטפולע אינסטרומענטן וועלן אַרויסהעלפן דעם שטודיום פון דער באַוועגונג פון דער ערד־קאָרע, און וועלן אויך העלפן געפינען די סיבות פון די ערד־טרייסלונגען ווען די ערד באַוועגט זיך אַרום איר אַקס.

* * * * *

ניינטער פעברואַר, 1971, דער טאָג פון דער שרעקלעכער ערד־ציטערניש און מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט און צעטומלונג; און 9טער פעברואַר, דער טאָג פון דעם דערפאָלגרייכן אַסטראָנאַטן־צוריקקער פון דער פאַנטאַסטישער וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע אויף דער לבנה.

אין זעלבן טאָג האָבן מיר געזען דעם מענטשן וואָס איז שוואַכער פון אַ מילב ווען ער שטויסט זיך צונויף מיט די מעכטיקע, גרויזאַמע נאַטור־כוחות; און גלייכצייטיק דעם זעלבן מענטשן אין זיין גאַנצער פּראַכט און גדולה ביים פאַרמעסטן זיך אַריינצודרינגען אין חלל.


## האַרציקע ברכות

דעם ליבן פריינד און קאָלעגע **ז. בונין** אונדזערע האַרציקע ברכות צו זיינע גבורות. מיר ווינטשן אים, צוזאַמען מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין, געזונט, שעפערישקייט און הרחבת הדעת.

**בלהה און יצחק רייזמאַן**
צפת, ישראל



Phone WE 5-1775 "IZZY"

**NATE'S BUTTER CHURN**

SWEET CHURNED BUTTER
Dairy and Delicatessen Products
SMOKED FISH OF ALL KINDS
Food Platters for All Occasions

**1036½ South Fairfax**
**Los Angeles, Calif. 90019**

יהודה וואָלפסאָן

# אַ בריוו־אויסטויש

## אַרײַנפיר

דאָס ווייטערדיקע איז אַן אויסטויש פון בריוו צווישן מיר און דעם פּראָפעסאָר נועם כאָמסקי (דער פּראָפעסאָר כאָמסקי פאַרנעמט אַ חשובן פּאָסטן אין דעם מאַסאַטשוסעטס טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט). דר. כאָמסקי איז איינער פון די פירערס פון די „נייע לינקע". ווי באַוווסט, שטיצן די נייע לינקע די עקסטרעמע עלעמענטן צווישן די שוואַרצע, ווי אויך די תביעות פון די פּאַלעסטינער אַראַבער אויף ישראל. דר. כאָמסקי האָט פאַרעפנטלעכט מאמרים אין צייטונגען וועגן זיינע אנשויאונגען און האָט אויך געגעבן דערקלערונגען אין אַן אַל פאַתאַה־זשורנאַל. אונדזער קאָרעספּאָנדענץ איז געפירט געוואָרן אין ענגליש. דאָ גיב איך, וואָרט־אין־וואָרט־איבערזעצונג אויף יידיש.

1טער מערץ, 1970

פּראָפ. נועם כאָמסקי
קעמברידזש, מאַס.
טייערער הער:

אייער נאָמען באַשטעטיקט דעם פאַקט אַז איר זייט, אָדער באַדאַרפט זיין אינפאָרמירט, וועגן אונדזער פאָלק, ווי אויך וועגן דעם ישוב אין ישראל.

זינט דעם אָנפאַנג פון גלות און דער צעשפּרייטונג איבער פיל לענדער, האָבן די יידן קיין מאָל ניט אויפגעגעבן די האָפענונג זיך צוריקצוקערן צו זייער לאַנד. פיל פון זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פאַרשטעלטערהייט, טראָץ די געפאַר פון טויט ווען מען דערקענט זיי. און דאָס אַלץ בכדי צו לעבן אין לאַנד פון זייערע אָבות. די האָפענונג זיך צוריקצוקערן האָבן זיי אַריינגענומען אין זייערע תפילות, און עטלעכע מאָל אַ טאָג האָבן זיי מיט קלאַפּנדיקע הערצער און מיט בענקעניש איבערגעחזרט די האָפענונגען פון שיבת ציון.

אין יעדן דור פלעגן גרופּן יידן, איינשטעלנדיק זייער לעבן, זעגלען די שטורמישע ימען און אָקעאַנען, מיט דער האָפענונג צו דערגרייכן דעם ברעג בשלום און זען מיט זייערע אויגן דאָס לאַנד פון זייער בענקעניש. פיל פון יעניקע וואָס זיינען אָנגעקומען בשלום, האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו אַקערן און באַאַרבעטן די הייליקע ערד, ווען ס'איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט. אַ סך האָבן זיך פאַרנומען מיט פיזישער אַרבעט, ווי פאַרבעריי, שוסטעריי, שניידעריי, קופּער־שמידעריי, און אַנדערע מלאכות.

זינט דעם סוף פון מלכות יהודה (בערך 1900 יאָר) האָט קיין מאָל ניט עקזיסטירט קיין אומאָפּהענגיקע מלוכה אין יענעם לאַנד. די טעריטאָריע איז געוואָרן אַ קאָלאָניע פון אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, אַזעלכע ווי רוים, ביזאַנץ, פּערסיע און אַנדערע, ביז טערקיי, וועלכע האָט געוועלטיקט דאָרט אַרום 300 יאָר. און ווען די טערקישע אימפּעריע האָט זיך צעשפּאָלטן, איז דאָס געוועזענע לאַנד פון יהודה אַריין אונטער דעם „בריטישן מאַנדאַט". און שפּעטער, צוליב קאָלאָניאַלער פּאָליטיק, האָט בריטאַניע אין אַ טייל פון לאַנד געגרינדעט די טראַנסיאָרדאַנישע מלוכה.

די אַזוי־גערופענע „אַראַבישע פּליטים", וואָס האָבן זיכער געקענט אַבסאָרבירט ווערן פון זייערע ברידער־אַראַבער־שטאַטן, ווען מען האָט אָנגעבאָטן סובסידיעס און, כלערליי הילף פאַר זייער איינאָרדענונג און איינגלידערונג אין זייערע לענדער, (איבער 600,000 יידן, אויסגעוואָרצלטע פון זייערע היימען, אין אַראַבישע לענדער, ווו זיי האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן, האָט ישראל געבראַכט און איינגעאָרדנט ביי זיך אין לאַנד, נאָך דעם וואָס זייער גאַנץ פאַרמעגן איז איבערגעבליבן ביי די אַראַבער), האָבן זיי עס אָפּגעוואָרפן. עס איז זיי געווען מער ניחא צו האַלטן די פּליטים ווי אַן אָפענעם ווונד, אויסשטעלן פאַר די אויגן פון דער וועלט, בכדי אַרויסצורופן מיטלייד און סימפּאַטיע.

די יידן אין ישראל האָבן געטריקנט זומפּן, געהיילט דאָס לאַנד פון אַלערליי קראַנקייטן, ווי מאַלאַריע, טראַכאָמע און אַנדערע, האָבן געהעכערט דעם סטאַנדאַרד פון לעבן און לעבנס־באַדינגונגען, און רעקאָנסטרואירט די רויִנען וואָס די אַראַבער האָבן פאַראורזאַכט גלייך מיט זייער אָנקומען אַהין.

די יידן און די אַראַבער וואָלטן געקענט לעבן בשלום און האָבן גאָר פיינע דערגרייכונגען.

אָבער עס איז דאָ סאָוועטן־רוסלאַנד, מיט דער אַלטער צאַרישער אַמביציע צו קאָנטראָלירן און באַזיצן דעם מיטללענדישן ים, און עס לוינט זיך איר צו האַלטן דעם גאַנצן שטח אין ברויזנדיקער אומרו.

רוסלאַנד האַלט אין איין צינדן פייערן פון שנאה און חורבן, און צוזאַמען מיט די אַראַבישע נאַציס פאַרשפּרייט זי אַלערליי העצעס און פאַלשע בילבולים קעגן ישראל און במילא קעגן אַלע יידן איבער דער גאַנצער וועלט. זיי נוצן אויך אויס די קאָאָפּעראַציע פון די „שוואַרצע פּאַנטערס" פאַר דעם דאָזיקן צוועק.

די אַראַבישע אַחדות האַלט זיך אויף שנאה צו יידן. אונדזער יידישע יוגנט, אויסגעליידיקט פון ירושת אָבות, דאָך טליעט אין זיי אַ געפיל פון יושר און אַ רצון צו העלפן אונטערגעדריקטע און באַליידיקטע, שטיצן זיי דעם קאַמף פון די אַראַבער, ווי אויך די „שוואַרצע פּאַנטערן." זיי פאַרגעסן דערביי זייער אייגן פאָלק, וואָס איז דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום הונדערטער יאָרן און איז אַרומגערינגלט פון אַ ים מיט שנאה און פאַראַכטונג, און זייער פאָלק נייטיקט זיך אין זייער הילף און נאָענטקייט.

איך האָב זיך געפילט געקרענקט און באַליידיקט ווען איך האָב געזען אייער נאָמען אין אַן אַראַביש פלוג־בלעטל פון פּראָפּאַגאַנדע.

דאָס פּראָפּאַגאַנדע־בלעטל ציטירט אייערע ווערטער לטובת די אַראַבער, און אייער אַרויסטריט קעגן ישראל.

„מי יקום יעקב, כי קטן הוא?"
(עמוס ג׳־7)

מעג איך צוגעבן: און אַטאַקירט פון אינעווייניק און פון דרויסן.

מיט העפלעכקייט,

**יהודה וואָלפסאָן**



מערץ 9, 1970

טייערער הער וואָלפסאָן:

איך דאַנק אייך פאַר אייער בריוו. כ'ווייס ניט וואָסער דערקלערונג מיינע האָט עס פאַראורזאַכט, און איך בין ניט באַקאַנט מיט דער אַראַבישער צייטונג וואָס האָט, ווי איר זאָגט, מיך ציטירט (ריכטיק אָדער פאַרקערט). דערפאַר קען איך ניט משפּטן. און דעריבער קען איך ניט קאָמענטירן בנוגע דעם דאָזיקן ענין.

וואָס ס'איז שייך אייער בריוו, בין איך מסכים מיט אַ היפּשן חלק פון אים, און אפשר— מיט גאַנצן. אָבער איך דענק ניט אַז איר זייט גערעכט אין אָנהענגען די פּראָבלעם פון דעם נאָענטן מזרח אויף רוסלאַנד און באַשולדיקן די „שוואַרצע פּאַנטערן." די פּראָבלעם איז פון אייך זייט זייער גערעכט אין אייער שילדערן די היסטאָרישע און טראַדיציאָנעלע צוגעבונדנקייט פון די יידן צו פּאַלעסטינע און זייער רעכט צו נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, פאַרקוקט איר דעם פאַקט אַז די פּאַלעסטינער אַראַבער, מיט ניט ווייניקער רעכט, האָבן אַ תביעה פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין דער זעלבער טעריטאָריע.

איך גלויב דאָס דער ישראל נאָוועליסט עמוס עוז, שאַצט אָפּ דעם ענין גאַנץ ריכטיק, ווען ער שילדערט דעם איצטיקן צוזאַמענשטויס ווי אַ טאָטאַלע גערעכטיקייט קעגן אַ טאָטאַלע גערעכטיקייט. פון דעם קומט אַ טראַגעדיע וואָס עס איז שווער צו געפינען אַ לייזונג צו איר. אייער פאָרשלאַג, אַז די אַראַבער וואָס האָבן געלעבט אין אָט דעם ראַיאָן הונדערטער יאָרן און וואָס האָבן געציילט ניינציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין דער צייט פון דער באַלפור דעקלאַראַציע, זאָלן גאָר אַזוי פּשוט זיך אַריבערקלייבן ערגעץ אין אַן אַראַבישער וועלט, זעט מיר אויס צו זיין קאַלט־האַרציק, אָן מיטגעפילן. נאָך אַ מאָל וואָלט איך זיך וועלן פאַררופן אויף עמוס עוז, וועלכער זאָגט אַז אַזאַ פאָרשלאַג קלינגט ווי מען זאָל פאָרשלאָגן די ישראלים אַז זאָלן זיך אַריבערקלייבן קיין ברוקלין. עוז, וויל איך אונטערשרייכן, איז אַן איבערגעגעבענער ציוניסט. נאָר ווי אַ סך ישראל־אינטעלעקטואַלן, גיט ער זיך

אָפּ אַ חשבון פון דער גערעכטיקייט פון די סותרדיקע טענות און תביעות.

איך גלויב אַז די פּראָבלעם ליגט דאָ פונדאַמענטאַל און ניט אין די מאַכינאַציעס פון די גרויסמאַכטן, אָדער די אומגעלומפּערטע דערקלערונגען פון די שוואַרצע גרופּעס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

אויפריכטיק, אייער,

## נועם כאָמסקי

מאַי 19, 1970

טייערער פּראָפּ. כאַמסקי:

איך דאַנק אייך פאַר אייער בריוו פון 9טן מערץ. איך האָב געזאָלט אייך תיכף ענטפערן, האָב איך אָבער געהערט אַז איר זייט געווען אָפּגעפאָרן אויפן אָריענט פאַר אַן אומבאַשטימטער צייט. עס איז געווען אין דער „פרי פּאַלעסטיין“ באַנד 1, נומ. 10, אַן אַראַביש־פּראָפּאַגאַנדע בלעטל. דאָרטן איז דערשינען אַן אינטערוויו מיט אייך. איך האָב אויפגעשווידערט לייענענדיק אייער פאָרשלאַג, אַז ישראל זאָל תיכף איבעררייסן אַלע באַציונגען מיטן יידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט. איר זאָגט אַזוי: „צום ביישפּיל: איך דענק אַז דאָס געזעץ (חוק השבות) פון זיך צוריקקערן, איז אַ רינגל אין דער קייט צווישן ישראל און דעם יידישן ציבור אין דער וועלט, און עס שטימט ניט מיטן באַגריף פון אַ דעמאָקראַטישן שטאַט.“

די האָפענונג פון זיך צוריקקערן, מיין טייערער פּראָפעסאָר כאַמסקי, האָט אויפגעהאַלטן די יידן און האָט זיי געגעבן דעם אויסדויער־כוח צו גיין פאָרויס קעגן כוואַליעס פון באַליידיקונגען, רויב און מאָרד, וואָס זיי האָבן געליטן פון זייערע שכנים איבער דער גאָרער וועלט. אָט די האָפענונג פון שיבת ציון איז געווען דאָס איינציקע מיטל אויפצוהאַלטן זייער לעבן ווי אַ פאָלק.

איר ווילט אַז ישראל זאָל איבעררייסן אַלע באַציונגען מיט אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט?

אָבער זאָגט: „עס איז אַ פאַקט אַז די עקסטרעמע לינקע שטיצן די מדינות, וועמענס צוועק ס'איז אויסצוהרגענען די יידן אינעם יידישן שטאַט.

די לינקע פון ביידע קאַטעגאָריעס, די אַלטע און די יונגע, זיינען באמת איינע און די זעלבע. די „נייע לינקע“ איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון די „אַלטע לינקע.“ איינע פון די לינקע פאַרשפּרייט דעם קאָמוניזם אָפענערהייט, אָדער פאַרקערט. די אַנדערע — שאַפט אַ מצב פון צעטומלעניש, וואָס קען ניט אָנהאַלטן אייביק. דאַן וועלן דערשיינען די אַלטע לינקע און וועלן ראַטעווען די וועלט פון צעטומלעניש.“

איר דענקט, זאָגט איר, פּראָפּ. כאָמסקי, אַז איך בין אומגערעכט אין באַשולדיקן רוסלאַנד אין דעם כאַאָס וואָס איז געשאַפן אין מיטעלן מזרח. רוסלאַנד האָט ניט געצונדן קיין פייערן? האָט ניט דערמוטיקט די אַראַבער צו מאָרדן און צו פאַרשפּרייטן שנאה? די רוסישע צייטונגען באַרעכטיקן אַטאַקעס אויף מענער, פרויען און קינדער און רופט די מערדערס — „באַפרייער.“ הונדערטער און טויזנטער נאַציס ווערן באַשיצט ביי די עגיפּטער מיט רוסלאַנדס גוטהייסונג. נאַציס ווערן דאָרטן באַשעפטיקט ווי טעכניקערס און פּראָפּאַגאַנדע־עקספּערטן; רוצחישע פּראָפּאַגאַנדע קריגט די סאַנקציע פון רוסלאַנד. רוסלאַנד פאַרשפּרייט עס אין אירע אייגענע גרענעצן.

דער פּאַסקודנער פּאַסקוויל: „די פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון“ דערשיינט אין טיילן, אין רוסישע צייטונגען.

די שטאָט פּראָסקוראָוו, וואָס האָט געליטן פון פּאָגראָמען און רציחות, אָנפאַנגענדיק מיט דעם הענקער באָגדאַן כמעלניצקי ימ״ש, וועלכער האָט אויסגעהרגעט צענדליקער טויזנטער יידן אויף זיין בלוטיקן מאַרש פון מערדעריי, פייניקונגען און פאַרוויסטונג, אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און פוילן, אָט די שטאָט פּראָסקוראָוו איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען פון דעם מערדער כמעלניצקי.

ווער האָט עס באַצירט די שטאָט פון הריגות און שפיכת דמים מיטן נאָמען פון דעם רוצח?

„די באַפרייער פון פּראָלעטאַריאַט.“ נאַצי־מערדער פאַרנעמען הויכע פּאָסטנס אין מזרח־דייטשלאַנד. רוסלאַנד איז זיכער אינפאָרמירט וועגן דעם און ווייסט עס, און דאָך — קאָאָפּערירט זי מיט די „קאַמעראַדן“. דאָס זיינען דאָך די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס“...



רוסלאַנד פירט מלחמה מיט ציוניזם און ציוניסטן, רופט זיי: אינטריגאַנטן, רוצחים און שונאים פון דער מענטשהייט. רוסלאַנד צוזאָגט די מוחות פון דער יוגנט, בכדי זיי זאָלן קענען הרגענען ציוניסטן אָן געוויסנביסע און חרטה. איז עס ניט מערדערלעך צו רופן די ציוניסטן — נאַציס? אָדער באַשולדיקן ציוניסטן אין אויסשלאַכטן 100,000 יידן אין באַבי יאַר?

וואָס טוען אונדזערע ליבעראַלן וועגן דעם?

אָט די פאַרשפּרייטער פון סם און פייער, אָט די אימפּעריאָליסטן פאַרדאַמען ישראל ווי אימפּעריאַליסטיש און אַגרעסאָריש!

ווער דערשטיקט מענטשן־פרייהייט ביי זיך אין דער היים און אין אַנדערע לענדער? ווער האָט אַריינגעמאַרשירט אין פרעמדע לענדער צו אונטערדריקן און דערשטיקן געפילן און פרייהייט? ווער האָט געהאָלפן חרוב מאַכן ביאַפראַ און אויסקוילען און אויסהונגערן די באַפעלקערונג?

דער טייוולאָנישער בונד — טיטאָ, נאַצער און ברעזשניעוו, אָט דאָס זיינען די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.“ פאַרס און ציניזם.

איך גלויב אַז ס'איז שוין צייט, אַז מענטשן פון גוטן ווילן און פרייהייט־ליבנדיקע זאָלן אָנהייבן פאָדערן גערעכטיקייט און אַרונטעררייסן די יעניקע וואָס צאַמען מענטשן־פרייהייט צוליב זייער עגאָיסטישער פּערזענלעכקייט. איך וויל קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז די אַראַבער (מצרים) זיינען געווען די יעניקע וועלכע האָבן געבראָכן דעם שטילשטאַנד.

דאָס זיינען געווען די אַראַבער, וואָס האָבן אַטאַקירט פרידלעכע יישובים און געהרגעט אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער.

אויפריכטיק,

## יהודה וואָלפּסאָן

מאַי 26, 1970

טייערער הער וואָלפּסאָן:

איך דאַנק אייך פאַר אייער בריוו. מיט אַ גרויסן טייל פונעם בריוו בין איך פולשטענדיק איינשטימיק. אַזוי אַרום וואָלט איך זיכער איינשטימען אַז רוסלאַנד איז אַ גרויסע אימפּעריאַליסטישע מאַכט, וואָס אירע אימפּעריאַליסטישע אַקטיוויטעטן דאַרפן פאַרדאַמט ווערן צוזאַמען מיט די אונטערדריקונגען ביי איר אין לאַנד גופא.

איך האָב געשריבן וועגן דעם פיל מאָל און וועל פאָרזעצן צו שרייבן וועגן דעם. עס איז קלאָר אַז רוסלאַנד איז די צווייטע אימפּעריאַליסטישע אין דער וועלט, און די צווייטע צו די פאַראייניקטע שטאַטן אין ווילן און פעיקייט צו באַנוצן כוח צו אונטערדריקן אַנדער פעלקער איבער דער גאָרער וועלט.

איך בין אויך איינשטימיק, אַז יעדער איינער דאַרף קריטיקירן אַראַבישע טעראָריסטישע אַטאַקעס אויף ציווילע בירגער. און אויב איר קענט זיך דערמאָנען, האָב איך עס טאַקע געטאָן אין מיין אינטערוויו אין דער „פרי פּאַלעסטיין.“ טאַקע צוליב דעם זעלבן טעם בין איך קעגן ישראלס אַטאַקעס אויף ציווילע בירגער און איר באָמבאַדירן סועץ, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַ גרויסן טייל פון דער שטאָט אין 1968 און 1969, און האָט אַרויסגעטריבן די גרעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג פון עטלעכע הונדערט טויזנט, פון זייערע היימען, און האָט אָפּגעשניטן די שטאָט לגמרי.

איך האָב ניט געשריבן וועגן דעם עפנטלעך, אָבער איך האָב בדעה דאָס צו טאָן. ווען די אַראַבער וואָלטן געהאַנדלט עטוואָס ענלעך צו דעם, וואָלט די גאַנצע וועלט געווען דערשיטערט.

עס איז מיין מיינונג, אַז דאָס איז די מאָס פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט ניט אַרויסצוקומען אפילו מיט אַ וואָרט ווען אַן אַראַבישע שטאָט איז אין גאַנצן פאַרניכטעט דורך דער אַרטילעריע און לופט־באָמבאַדירונג.

איך גלויב זיכער דאָס ישראלס טאַקטיק אין דעם איצטיקן מאָמענט איז ניט קיין קלוגע, און עס זיינען פאַראַנען מער ווינטשנסווערטיקע ברירות וועלכע איך האָב פּרובירט פאָרשלאָגן. איך גלויב אַז עס זיינען פאַראַן פיל ישראלים וואָס דערוואַרטן פּראַקטישע אופנים, און כ'בין זייער צופרידן אָנצוהאַלטן מיין קאָנטאַקט

מיט זיי ווי אויך מיין קאָמוניקאַציע.

עס אַנטשטייט אין ישראל אַ יונגער ליבקס, וועלכער שאַצט אָפּ דעם כאַראַקטער פון דעם פּאַלעסטינער אַראַבישן נאַציאָנאַליזם. אין דער זעלבער צייט דענק איך אַז עס קומען פּאָר שינויים אין דער פּאַלעסטינער באַוועגונג, וואָס וועט מעגלעך ברענגען האָפענונגען פאַר דעם עתיד. הגם ביי דעם מאָמענט איז, לויט מיין מיינונג, ניט פאַראַנען קיין איין גרופּע וואָס האָט אַ פּראָגראַם, וועלכע איז בכלל אָננעמבאַר.

רוסלאַנד איז זיכער פאַרוויקלט אין דעם מיטעלן מזרח, און אין פאַרלויף פון דער צייט קען איר פאַרוויקלונג ווערן גאָר געפערלעך. פון דעסטוועגן איז ביים איצטיקן מאָמענט די רוסישע טאַקטיק ניט אַזאַ ווי איר שילדערט.

רוסלאַנד איז קעגן דער באַוועגונג פון די פּאַלעסטינער, פּונקט ווי זי איז קעגן אַנדערע פּאָפּולערע באַוועגונגען אין דער וועלט. און הגם זי וואָלט וועלן קאָנטראָלירן די אַראַבישע לענדער, איז זי נאָך אַלץ ניט אין אַ מצב דאָס צו טאָן.

דאָס קומען פון אַמעריקע אין אינדאָכינע, וועט מעגלעך טרייבן די רוסן צו אַ דירעקטן אָנגריף אין מיטעלן מזרח, שטרעבנדיק צו געווינען ווערדע און פּרעסטיזש צוליב פּשוטע, אימפּעריאַליסטישע צוועקן.

אָבער, דערווייל האָט עס ניט פּאַסירט, און ס׳האָט ניט קיין זין צו פּרעטענדירן אויף עפּעס אַנדערש. למשל, צו פאַרמיידן טיפע אַריינדרינגונגען קיין מצרים דורך יידישע באָמבאַרדירער, און רוסלאַנד האָט נאָך אַלץ ניט באַזאָרגט מצרים מיט אָפּענסיווע לופט־וואָפן, וואָס זאָלן זיך פאַרגלייכן מיט די פאַנטאָמס. (דאָס איז געשריבן לעצטן מאַי), כאָטש זי וועט עס מעגלעך טאָן.

מיר קוקט אויס די סיטואַציע אין מיטעלן מזרח צו זיין זייער געפערלעך. אָבער עס העלפט ניט קיינעם, ניט רוסלאַנד, אָדער אימיצן אַנדערש, צו אויסטייטשן עס שלעכט, ווי, לויט מיין מיינונג, איר טוט עס.

אויפריכטיק, אייער,

**נועם כאָמסקי**

יוני 15, 1970

טייערער פּראָפ. כאָמסקי:

איך דאַנק אייך פאַר אייער בריוו פון 26טן מאַי. איך באַדויער וואָס מיין ענטפער איז אַ פאַרשפּעטיקטער.

איך האָב נאָכגעפאָרשט די באַריכטן פון מיטעלן מזרח, און איך האָב עס געטאָן, גלייבט מיר, אָביעקטיוו.

איך פּרוביר צו זיין אָביעקטיוו און ראַציאָנעל, הגם מיין האַרץ ווייטאָגט פאַר מיינע ברידער, די שארית הפליטה, די לעבן־געבליבענע פון די קרעמאַטאָריעס, און פון דער מיטפילנדער, רחמנות־פולער קריסטלעכער אייראָפּע. זיי האָבן סוף־סוף געפונען אַ מקום מנוחה אין אַ יידישן ווינקל. זיי פּרובירן צו לעבן בשלום מיט זיך און מיט זייערע שכנים, און צו ביישטייערן צום וווילזיין פון יענעם חלק פון דער וועלט.

איך פּרוביר, פּערזענלעך, אָפּצושאַצן די סיטואַציע אין דער ליכט פון גערעכטיקייט אויף אַ פּראַגמאַטישן אופן.

איר שטרייכט אונטער אין אייער בריוו די באָמבאַדירונג פון סועץ דורך ישראל קרעפטן. סועץ איז געווען אַ שטאַרקע מיליטערישע באַזע, וועלכע האָט געהאַלטן אין האָגלען פייער און שוועבל אויף ישראל פּאָזיציעס טאָג און נאַכט, אָן אויפהער. ישראל האָט פּראָטעסטירט, געוואָרנט. אָבער ס׳איז געווען אַ קול קורא במדבר. עס האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. מצרים האָט געענטפערט מיט מער פייער און סטראַשונקעס, אַז זי וועט פאַרניכטן ישראל, און וועט אַריינוואַרפן די באַפעלקערונג אין ים.

האָט די וועלט רעאַגירט אויף דעם? האָט אימיצער פון די „פרייהייט ליבענדע" פּאַרטייען געפּרוווט פאָדערן פון מצרים זי זאָל אָפּשטעלן אירע אַטאַקעס און דראָאונגען? האָט די יו־ען זיך אָפּגערופן סימפּאַטיש אויף ישראלס פּראָטעסטירן?

איר זאָגט: „ווען די אַראַבער וואָלטן געהאַנדלט עטוואָס ענלעך צו דער ישראל האַנדלונג וואָלט די וועלט געענצלעך געפּילט אַ גרויל." ווען ישראל האָט רעטאַליאירט נאָך אַן אַראַבישע אַטאַקע אויף ישראל, האָט די יו־ען באַלד פאַרדאַמט ישראל, און אפילו מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט די אַראַבישע אַטאַקעס.

די יו־ען האָט אפילו געפאָדערט מען זאָל באַשטראָפן ישראל. דער זיכערקייט־ראַט, ווי די קאָמוניסטן און אַראַבישע לענדער האָבן אַ מערהייט, האָט אַלע מאָל אויסגעמיטן אורטיילן די אַראַבער פאַר זייערע אַטאַקעס אויף אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער, פון דעם איז די וועלט ניט בלאַס געוואָרן.

ישראל האָט באַלד, אויף צומאָרגנס נאָך איר זיג, אויסגעשטרעקט אַ האַנט פאַר שלום, אָבער איר האַנט איז צוריקגעשליידערט געוואָרן. די אַראַבער פירן אַ מלחמה ביז אפיסת הכוחות.

איך גלייב, אַז אַ מענטש אין אייער פּאָזיציע, וואָס אים זיינען טייער שלום, וווילשטאַנד און מענטשלעכע באַציונגען, האָט באַדאַרפט אַפּעלירן צו די אַראַבער, זיי זאָלן קומען צום שלום־טיש און פאַרהאַנדלען וועגן אַלץ אויף אַ פרידלעכן אופן.

אויפריכטיק — אייער,

**יהודה וואָלפסאָן**



א. גאָלאָמב

# אַ שאלה

איך קום דאָ פרעגן אַ ספּעציעלע שאלה ביי די היגע פרומע און ביי די היגע רבנים:

מיר געדענקען אַלע אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די יידישע מדינה געהאַט אַ פּאַסאַזשיר־שיף. אויף דער שיף האָבן געזאָלט זיין איינגעבויט צוויי באַזונדערע קיכן — אַ כשרע און אַ טריפע — פאַר יידן און פאַר ניט־יידישע פּאָרער.

נו, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל, אַ ויצעקו אויף אַלע הויכע טענער. דעם טומל האָבן, ווי תמיד, געמאַכט די פרומע: **„ניין! מען טאָר ניט! קוים איז די שיף אַ יידישע טאָר דאָרטן ניט זיין קיין טריפע קיך אפילו ניט פאַר גויים. זאָלן די גויים וויסן כאָטש איין מאָל אַז זיי זיינען אין גלות ביי יידן!**

האָב איך גאָרניט קעגן דעם אַז גויים זאָלן דאָרט עסן כשר. אַדרבה. איך ווייס, אַז אויב גויים וועלן עסן כשר, וועלן שוין יידן אויך עסן. דאָס אַרט מיך ניט. אָבער מיך אַרט עפּעס אַנדערש. אין אַ שטאָט מיט אָן עין הרע אַ סך יידן — די צווייטע גרעסטע קהילה אין אַמעריקע — זיינען דאָרטן דאָ צוויי גרויסע שפּיטאָלן, געבויט און געפירט דורך יידן. די שפּיטאָלן טראָגן בכבודיקע שיינע יידישע נעמען: די „צעדערן פון לבנון" און „הר סיני". דאַכט זיך מיר אַז דער באַרג סיני האָט עפּעס נאָך אַ שטיקל שייכות צו דער יידישער תורה. זייער פיין! די מידה פון יידישער צדקה איז ווערט גאָר אַ סך. די יידישע צדקה־אָרגאַניזאַציע אין שטאָט גיט די דאָזיקע צוויי שפּיטאָלן היפּשע עטלעכע הונדערט טויזנט דאָלער אַ יאָר. ווידער אין אָרדענונג

אָבער ווי פאַרוווּנדערט בין איך געווען, ווען איך האָב דערזען אויף דער מעניו, וואָס די קראַנקע קריגן אויסצוקלייבן וואָס זיי ווילן עסן, דאָרטן פיגורירט אָפן און שטאָלץ „העם" און „בעיקאָן", ווייל די קיכן זיינען טריפע. ניטאָ אין גאַנצן קיין כשר עסן! אַלע קראַנקע יידן ווערן געהאָדעוועט מיט טרפות!...

און די פרומע יידן שווייגן! קיין מאָל ניט געהערט אפילו ניט קיין פּיפּס, קיין וואָרט. אויף וויפל איך ווייס, איז כשר עסן ניט קיין „מצווה התלויה בארץ," דאָס הייסט, אַז די דינים פון כשר און טריף זיינען אין לאָס אַנגעלעס די זעלביקע וואָס אין ירושלים. פרעגט זיך: פאַרוואָס דאַרפן אויף דער ישראל־שיף אַלע גויים עסן כשרס און פאַרוואָס מעגן יידישע שפּיטאָלן האָדעווען אַלע יידישע קראַנקע מיט טרפות? פאַרוואָס מאַכן די פרומע דאָ ניט קיין טומל? מעגן פרומע יידן אין לאָס אַנגעלעס יאָ עסן חזיר? פאַרוואָס אָבער שווייגן די פרומע? פאַרוואָס שווייגן זיי דאָ? פאַרוואָס פּראָטעסטירן זיי ניט?

מיר איז אַ מאָל אויסגעקומען צו זיין עטלעכע טעג אין אַ שפּיטאָל פון פרומע קריסטינס, אין ראָטשעסטער, מינעסאָטאַ. אַז מען האָט מיך געפרעגט וועגן עסן, האָב איך געענטפערט: מען זאָל מיר געבן

וועגעטאַריש עסן, און איך האָב דערקלערט, אַז פלייש וועל איך עסן נאָר כשר. דעם מיטאָג האָט מיר געבראַכט אַ קריסטלעכע נאָנע אין איר פולן טראַכט. זי האָט זיך דערקלערט: זי איז די פאַרוואַלטערין פון קיך. זיי אַכטן זייער יעדער רעליגיע און זיי האָבן באַזאָרגט פאַר מיר ספעציעל דורכן אָרטיקן רב כשר פלייש. אַזוי ווי אין ראָטשעסטער גופא איז ניטאָ קיין כשרע פלייש, ברענגט מען פאַרטיקע פאָרציעס כשר פלייש פון ווייט אין פאַרטיקע פעקלעך. מען וואַרעמט דאָס אין די זעלביקע כלים פאַרפאַקט. האָבן זיי אויך פאַר מיר באַזאָרגט אָט אַזוינע כשרע פאָרציעס. בין איך געווען גערירט פון דער פיינקייט פון יענע קריסטינס.

דאָס זעלביקע איז אויך פאַראַן אין די „יידישע שפיטאָלן" אין דער גרויסער יידישער קהילה. ניטאָ אין יידישע שפיטאָל קיין כשר קיך! פראָמינענט אין מעניו פיגורירט העם און בעיקאָן. כשר פלייש איז ערגעץ אין אַ ווינקעלע אונטן. מילא, פאַראַן יידן וואָס ווילן עסן וואָס איר ווילט, אַבי צו זיין אַזוי ווי גויים. האָט מיר דערציילט אַ יידישער סוחר: ער האָט געדאַרפט פאַרבעטן אַ פאָר קונים אויף אַ מיטאָג. זיי ווילן אויסטערס, באַשטעלט ער אויסטערס. זיי שלינגען, שלינגט ער אויך. האָט עס אים אָבער גענומען שלאָגן צום ברעכן. ער האָט געמוזט אַרויסלויפן, אויסברעכן. איז אויף די פירער ווונדערט מיך ניט. וואָס שווייגן אָבער דאָ די פרומע? פאַרוואָס שווייגן זיי דאָ? דאָ האָט מען ניט די דרייסטקייט וואָס מען האָט צו דער מדינת ישראל. עס קומט אויס ווי פאַר מדינת ישראל איז איין שולחן ערוך און פאַר אַן אַמעריקאַנער גרויסן יידישן ישוב איז אַן אַנדער שולחן ערוך. אָדער אפשר איז דאָ פאַר די רייכע בעלי־בתים ניטאָ די דרייסטקייט... דערפאַר ווילן זיי דערגרייכן אין מדינת ישראל!

וואָס טוען פרומע יידן, ווען עס קומט זיי אויס צו זיין אין שפיטאָל? איך ווייס פון אַ פרוי וואָס פירט אַ כשרע קיך. איז איר אויסגעקומען צו „פאַרברענגען" אַ גאַנצן חודש אין אָט דעם שפיטאָל. האָט איר דער מאַן געדאַרפט פירן דריי מאָל אין טאָג פון דער היים עסן. איז דאָס גוט געווען וואָס דער מאַן האָט צייט און אַן אויטאָ, און עס איז דאָ ווער עס זאָל יעדן טאָג ספעציעל קאָכן. איז עס גוט, ווי יידן זאָגן: צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. ווי איז אָבער, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ גוטער מאַן מיט צייט און מיט אַ קאַר? ווי איז אָבער אַז עס איז ניטאָ אַזאַ גוטע געזעלשאַפט? און קיין מעגלעכקייט צו באַזאָרגן? נעמען שפיטאָלן היפשע הונדערטער טויזנטער צדקה־געלטער און זיי פאַרשליסן די טירן פאַר פרומע יידן. און דאָס פאַרשווייגט מען! קומט אויס אַז די אָרטאָדאָקסיע שרייבט צוויי תורות — פאַר ישראל איינע און פאַר זיך, פאַרן גלות — אַ צווייטע...

די זעלביקע שאלה וואָלט מען געקענט פרעגן וועגן שבת און וועגן נאָך און נאָך...

אדרבא, ילמדנו רבינו: לאָמיר הערן פאַרוואָס ?



פינטשע בערמאַן

# צוויי לידער

## ווערט אַ מאָל אַ זיפץ פאַרוואַנדלט אין אַ שמייכל

ווערט אַ מאָל אַ זיפץ, פאַרוואַנדלט אין אַ שמייכל;
ווערט אַ מאָל אַ טרער, פאַרוואַנדלט אין אַ ליד—
צעשמייכלט אויך זיך גאָט, הויך דאָרט אין זיין היכל,
און די מלאָכים אויך, אַלע שמייכלען מיט...

גיב מיר דעם געזאַנג, פאַרטאָג, פון קליינע קינדער,
ווען ס'קומט אַרויס מיט פראַכט, צעברויזט אַ גאָלדן זון —
אויף גרינע לאָנקעס דאַן, אויך לעמער, שאָף און רינדער,
ווערן אויכעט דאָרטן, אויפגעברויזט דערפון...

ווי צויבער־שיין עס איז! ווי גוט עס איז דאָס לעבן!
אויך דאָס האַרץ פון מענטש, איז וואונדערשיין און גוט —
קום נאָר אָן צעברויזט, אין העלע שטראַל־געוועבן,
און גיי אַנטקעגן אים, מיט ליבשאַפט אין דיין בלוט...

קען זיין איך טרוים אין וואָר, ווי אַנדערע אין דרימל...
געבענטשט זאָל זיין די שעה, די זיסע פון דעם טרוים!
עס טרוימט דאָס קינד אין וויג פון „טעלערל פון הימל";
עס טרוימט פון זון ביינאַכט, אין טאָל דער אַלטער בוים...

## אין אַ צעשפּרודלטן געמיט

מעגן טעג זיך שטעלן גרויע;
מעגן הימלען זיין ווי שוואַרץ—
מיינע פייגל זיינען בלויע,
און די זון איז אין מיין האַרץ.

מעגן בייזע ווינטן וואָיען,
ווי קאַיאָטעס אין געפאַנג —
מיינע שטערן־פולע שעהען,
עכאָן ברויזיק מיט געזאַנג.

און קומען שאָטנס אָן פאַרבאָרגן,
און חושך רינגלט מיין געצעלט —
זינג איך פון אַ בעסער מאָרגן;
זינג איך פון אַ העלער וועלט.

ס'איז דער גלויבן און בטחון,
וואָס עס זשאַרעט אין מיין בלוט;
ס'איז פון ליבשאַפט דער נצחון,
וואָס עס ברענט אין מיר ווי גלוט.

ניטאָ דער כוח וואָס קען צוימען
מיין צעשפּרודלטן געמיט,
ווען, ווי פאַלקאָנס אין די רוימען,
עס צעפלאַטערט זיך מיין ליד...

# די צוקונפט פון יידישקייט

## (אַ סימפּאָזיום)

## א.

אריה פּאָזי

### איינלייטונג

יידן און יידישקייט, דער עיקר די זאָרג מכוח דעם אויפהאַלט פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און זיין פאַרזיכערונג אויף להבא, איז ניט קיין נייער פּראָבלעם. אָט דאָס פּראָבלעם עקזיסטירט זינט דור־דורות, און יעדער דור באַזונדער האָט זיך מיט אים געראַנגלט. ביי אונדזער איצטיקן דור איז אָבער אָט דאָס פּראָבלעם פאַרשאַרפט געוואָרן. און פאַרשאַרפט געוואָרן איז עס דערפאַר וואָס אונדזער איצטיקער דור האָט אין משך פון לפי ערך אַ קורצער צייט איבערגעלעבט צוויי אומגעהייער גרויסע און וויכטיקע היסטאָרישע עפּאָכעס: איינע, די גרויליק טרויעריקע, דער גרויסער חורבן פון אונדזער פאָלק אין צענטראַל־ און מיזרח־אייראָפּע; די צווייטע, די זייער דערמוטיקנדיקע און דערפרייענדיקע, דער אויפקום פון מדינת ישראל.

די דאָזיקע צוויי גרויסע היסטאָרישע געשעענישן האָבן אַרויפגעלייגט גרויסע אַחריותן אויף דעם יידישן קיבוץ, אין די תפוצות בכלל און אין אַמעריקע בפרט. ס׳פירט דירעקט צו דעם, אַז מיר זאָלן דאָ הי, בפרט אין אַמעריקע, באַדאַרפן מאַכן אונדזער חשבון הנפש און שטעלן זיך די האַרבע שאלות: זיינען מיר צוגעפּאַסט צו טראָגן די דאָזיקע גרויסע אחריותן? וואָס פאַר אַ ביישטייער קענען מיר צוטראָגן צום אידעישן געדאַנק פון וועלט־יידנטום? איז אונדזער אייגענער קיום דאָ הי פאַרזיכערט? און בכלל — האָט יידישקייט אַ זכות הקיום און די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן און צו אַנטוויקלען זיך מחוץ די גרענעצן פון ישראל?

די דאָזיקע פראַגעס קענען ניט גלייך פאַרענטפערט ווערן. קיינער קען ניט זיין קיין נביא באַשטימט פאָרויסצוזאָגן די צוקונפט. מיט דער לאָגיק פון היינט קען מען ניט אַלע מאָל מעסטן דעם מאָרגן. אָבער בכדי פאָרט צו קענען שאַפן זיך אַ בילד — הגם ניט מער ווי אַ זייער מטושטשדיק בילד — מכוח אונדזערע יידישלעכע אויסבליקן אויף דער צוקונפט, איז כדאי אַריינצוקוקן אין אונדזער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט און פרובירן דרינגען דורך דעם עבר אויף דעם להבא און טאָן עס אויף אַן אַנאַלאָגיש פאַרגלייכלעכן שטייגער.

* * * * *

בלי ספק, מיר לעבן איצט איבער אַן אומגעהייער קריטישן פעריאָד אין דער יידישער געשיכטע. מיר דאַרפן אָבער דערביי האָבן אין זינען, אַז אונדזער געשיכטע האָט אויך פריער פאַרצייכנט קריטישע עפּאָכעס, וואָס האָבן, אַזוי ווי איצט, געשטעלט אין סכנה אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. לאָמיר זיי דאָ דערמאָנען.

די גרעסטע, הגם ניט די ערשטע, יידישע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 70, לויט דער איצטיקער צייט־רעכענונג, נאָכן חורבן פונעם בית שני און נאָך דער אונטערדריקונג פון די יידישע אויפשטאַנדן קעגן דער רוימישער מאַכט וואָס האָבן דעם חורבן נאָכגעפאָלגט.

דאָס יידישע פאָלק האָט דענסטמאָל ניט נאָר פאַרלוירן זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, נאָר אויך זיין גייסטיקן מעמד. יידישקייט איז פאַרפאָלגט געוואָרן; די יידישע גייסטיקע פירערס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אָדער פאַרטריבן געוואָרן פונעם לאַנד; די ישיבות און בתי מדרשים זיינען פאַרמאַכט געוואָרן; ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ס׳האַלט ביים אומקום פון יידן און יידישקייט.

אָבער יידישקייט איז ניט אומגעקומען. ס׳איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן אין איין לאַנד, אָבער ס׳איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ צווייטן לאַנד. דאָס צווייטע לאַנד איז געווען בבל. דער יידישער קיבוץ אין בבל האָט איבערגענומען דעם אָנפיר פון יידישן סאָציאַל־קולטור־לעבן און האָט אים אַנטוויקלט צו זיין העכסטער מדרגה. ער האָט געגרונטפעסטיקט די יידישע הלכה, געוועבט און געצויגן די אגדה און אייגעגלידערט אין יידישן באַוווסטזיין די טיפסטע פרינציפּן פון עטיק און מאָראַל.

נאָך אַ המשך פון וואָסערע 800 יאָר איז דער יידישער יישוב אין בבל אויך אומגעקומען. יידישקייט איז אָבער פאַרבליבן. דער יידישער צענטער איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ נייער היים, אין שפּאַניע, און יידישקייט האָט דאָרט געקראָגן נייעם אויסדרוק. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייע פרוכטיקע עפּאָכע פון יידישן קולטורעלן אויפשטייג, די גאָלדענע עפּאָכע פון שפּאַנישן יידנטום, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון 10טן י״ה (די צייט פון רב חסדאי אבן־שפרוט, 915־970) און ביז דעם גירוש שפּאַניע, סוף 15טן י״ה (2טער אויגוסט, 1492).

שפּעטער איז אויך דער יידישער קיבוץ אין שפּאַניע פאַראורטיילט געוואָרן צום אומקום. אָבער אויך דענסטמאָל האָט דער גורל געפירט צו דעם, אַז בעת די זון האָט אָנגעהויבן אונטערגיין איבער דעם דאָרטיקן קיבוץ און איבער אים האָט זיך אַרויפגערוקט די פינצטערע נאַכט פון אינקוויזיציע און, צום שלוס, דער גירוש פונעם לאַנד — איז די זון אויפגעגאַנגען איבער די יידישע יישובים אין מיזרח־אייראָפּע. ביז יענער צייט זיינען שוין די דאָרטיקע יידישע קהילות געווען פולשטענדיק גרייט איבערצונעמען צו טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם גורל פונעם פאָלק און פאָרצוזעצן צו אַנטוויקלען די איבערגענומענע ירושה פון די גרויסע יידישע קולטור־אוצרות, וואָס זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין משך פון פילצאָליקע דורות אין ארץ־ישראל, יהודה, בבל און שפּאַניע.

נון, די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט: די גרויסע קאַטאַסטראָפע פון אונדזער אייגענעם איצטיקן דור. פאַר אונדז אין די אויגן איז אומגעקומען דער רוב מנין און רוב בנין פון דעם אייראָפּעישן יידנטום. הינטער די אייזערנע פאָרהאַנגען זיינען געבליבן צעשאָטענע שארית הפליטה, אָבער אויך זיי זיינען פאַראורטיילט צום אומקום דורך געצוווּנגענער פיזישער און גייסטיקער אַסימילאַציע.

ווערט געשטעלט די האַרבע פראַגע: עד כאן? דערמיט ענדיקט זיך דער קיום פונעם יידישן פאָלק? איז שוין אונדזער מיסיע אויף דער וועלט אויף אַזוי פיל דערפילט אַז מיר מעגן שוין אומקומען?

איז אונדזער ענטפער אויף דעם: ניין! ניין, מיטן טראָפּ אויף דעם. בשום אופן ניט! משיח איז נאָך ניט געקומען און אונדזער מיסיע איז נאָך ניט דערפילט!

פאַרשטענדלעך — דאָס איז דאָך דער אינסטינקט פון נאַטור, וואָס איז די אייגנשאַפט פון סיי די בעלי־חי און סיי דוממים, — מיר ווילן אונדזער פיזישן קיום ניט אויפגעבן בשום אופן. אָבער אויך אין אונדזער גייסטיקן קיום זיינען מיר באַוווסטזיניק, אַז מיר פאַרמאָגן אַזוי פיל אומגעהייער גרויסע און רייכע אוצרות, אַז מיר ווילן זיך מיט זיי ניט שיידן, בשום אופן ניט, אפילו אַז מיר זאָלן באַדאַרפן איבער דעם גיין על קידוש השם.

אָבער, שטעלט זיך דערביי די פראַגע, ווי אַזוי קענען מיר און ווען מיר היילן אונדזערע פיזישע וווּנדן און דערצו נאָך אויך פּרעזערווירן אונדזערע גייסטיקע ווערטן? ווער וועט עס טאָן פאַר אונדז?

זיינען די מערצאָליקע אויף ווענען מיר קענען אַרויסקוקן אין אָט דעם פּרט — דער איצטיקער גרעסטער יישוב אויף דער וועלט, די יידן אין אַמעריקע, און, באַזונדערס, דער ענערגישער און באַוווסטזיניקער יידישער יישוב אין ישראל. זיי ביידע דאַרפן זיך אָנזאַפּן מיט כוחות איבערצונעמען די גרויסע אַחריות פאַרצוזעצן די יידישע טראַדיציע און אַנטוויקלונג פון קולטור — פון דער דאָזיקער ספּעציפיש יידישלעכער קולטור, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון אומצייליקע דורות און וואָס איר לעצטער אויסדרוק האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגות אין די אייראָפּעישע יישובים, וואָס, לדאבוננו, מיר טרעטן איצט אויף זייערע חורבות.

שטעלט זיך דערביי די פראַגע אויפסניי: זיינען מיר, אָט די צוויי יישובים ראוי צו

זיין די יורשים פון דער גרויסער יידישער קולטור־טראַדיציע? זיינען מיר פּעיק דאָס צו טאָן און, דער עיקר, זיינען מיר אין אַמעריקע פּעיק דאָס צו טאָן? אויף אונדזער יישוב אין ישראל לייגן מיר גרויס ביטחון, אַז ער וועט זיין מיסיע דערפילן. אָבער ווען מיר, דאָ הי אין אַמעריקע, אויך קענען דערפילן אונדזער אָנגעצייכנטע מיסיע? וועלן מיר דאָ הי קענען ממשיך זיין צו אַנטוויקלען דעם יידישן אינטעלעקט אויף אַן אופן, אַז מיר זאָלן קענען אויך אויף להבא אַנטוויקלען אונדזערע קולטור־ווערטן אויף אַ שטייגער אַז ס'זאָל אונדז געבן גייסטיקע שעפערישקייט?

אָבער די דאָזיקע פראַגע קען אַזוי איינפאַך ניט פאַרענטפערט ווערן. מ'קען דעם ענטפער ניט פאַראַלגעמיינערן. דער ענין איז צו קאָמפּליצירט צו קענען אויף דעם געבן אַן אַלגעמיינעם ענטפער.

קודם דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז די יידישע געשיכטע האָט זיך תמיד אַנטוויקלט אין מער ווי איין צענטער. גלייכצייטיק האָבן אַלע מאָל עקזיסטירט מער ווי איין יידישער צענטער. אייניקע זיינען געווען גרעסער, אַנדערע קלענער, אָבער שטענדיק האָבן זיי משפּיע געווען איינע אויף די אַנדערע. אפילו דער תנ"ך, אָט די גרויסע יידישע שאַפונג, וואָס קיין פאַרגלייך איז צו דעם ניט פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, אפילו אָט די שאַפונג פאַרמאָגט אין זיך די שריפטן פון צוויי גרויסע נביאים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן ניט אין יהודה, נאָר אין בבל. דאָס זיינען די שאַפונגען פון יחזקאל און ישעיה ב'.

ווען די יידישע אַנטוויקלונג אין דער צייט פון בית שני האָט דערגרייכט אירע העכסטע מדרגות, האָט אויך געבליט אַ גרויסער יידישער יישוב אין מצרים, דער עיקר אין אַלעקסאַנדריע. אָט דער יישוב האָט אַרויסגעגעבן אַ מאָנומענטאַל ווערק — דעם סעפּטואַגינט, די אַלט־גריכישע איבערזעצונג פונעם תנ"ך. אויך האָט דאָרט געלעבט און געווירקט דער גרויסער יידישער טעאָלאָג און פילאָסאָפישער דענקער פילון, און דאָרט זיינען אויך געשאַפן געוואָרן איניקע ווערק פון דער יידישער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור — דער גניזה.

אַרום דער זעלביקער צייט האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ יידישער יישוב אין רוים, וואָס האָט סטימולירט די אומשאַצבאַרע היסטאָרישע שאַפונגען פון יוסיפון.

שפּעטער צו, ווען די יידן אין בבל זיינען געשטאַנען אויף זייער העכסטער מדרגה פון אַנטוויקלונג, זיינען גלייכצייטיק געווען יידישע צענטערס אין ארץ ישראל, אין מצריים, אין צפון־מערב אַפריקע און אין דרום אייראָפּע.

און אין דער צייט פון דער אַזוי גערופענער יידישער „גאָלדענער עפּאָכע" פון שפּאַניע, האָבן יידישע יישובים אויך געבליט און זיך אַנטוויקלט אין מצרים, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע, בעמען און דער אָנהייב פונעם יידישן יישוב אין פּוילן און אוקראַינע.

נאָכן גירוש שפּאַניע האָט זיך דער יידישער קולטור־צענטער אַריבערגעטראָגן קיין מיזרח־אייראָפּע, אָבער אויך דאָ האָבן זיך געשאַפן עטלעכע יידישע צענטערס, וואָס האָבן געווירקט איינע אויף די אַנדערע: פּוילן, ליטע, רוסלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד, גריכנלאַנד, ארץ ישראל.

האַבנדיק דאָס אַלץ אין זינען, וואָלט אויך איצט געווען אַ טעות צו באַטראַכטן דעם ענין יידישקייט בלויז אין שייכות מיט די פאַראייניקטע שטאַטן און מדינת ישראל, און דערביי אויסלאָזן די יידישע יישובים אין קאַנאַדע, מעקסיקאָ און דרום־אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און, ווער ווייסט, אפשר — מיט דער צייט — אויך רוסלאַנד.

אָט זען מיר, אַז אין אַרגענטינע ווערן איצט געדרוקט מער יידישע ביכער אידער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און וואָס שייך אַנגלאָ־יודאַיקאַ האָט ענגלאַנד ביז איצט אַריבערגעשטיגן אַמעריקע און אַרויסגעגעבן ענגלישע איבערזעצונגען פון דער משנה, תלמוד, זוהר, רמב"ם אא"וו.

* * * * *

אין משך פון דער לאַנגער יידישער געשיכטע האָט זיך אַלע מאָל געמערקט, אַז ווען די זון האָט אָנגעהויבן אונטערגיין אין איין יידישן צענטער, האָט זי אָנגעהויבן אויפגיין אין אַן אַנדער צענטער. איניקע היסטאָרישע פאָרשערס האָבן אפילו געוואָלט פאַרטייטשן אָט די



געשעענישן אויף אַ מיסטישן שטייגער: זיי האָבן אין דעם אַריינגעטייטשט די כוונה פון אַן אויבערשטער השגחה פון נצחיות ישראל.

מיר ווילן דאָ אָבער אויסמיידן מיסטיציזם און באַטראַכטן דעם ענין פון אַ סאָציאַלן און עקאָנאָמישן קוקווינקל.

ווען די אַלגעמיינע סאָציאַלע באַדינגונגען אין אַ לאַנד הייבן אָן צעפוילט ווערן און זיי פאַלן פאַנאַנדער, פירט עס אומעטום צו פאַרשאַרפטע אַנטי־יידישע געפילן און אויסברוכן, און די יידן ווערן געצוווּנגען אין אַ גלייכער מאָס צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. נאַטירלעך, עמיגרירן זיי אין אַ לאַנד, וואָס איז, ערשטנס, נייעטער, און, צווייטנס, ווו די סאָציאַלע באַדינגונגען זיינען מער גינסטיק און זיי ווערן אויפגענומען מיט מער גאַסטפריינדשאַפט. דער פאַקט וואָס דאָס נייע לאַנד איז גאַסטפריינדלעך איז אַ גענוגנדיקער באַווייז אַז די סאָציאַלע באַדינגונגען זיינען דאָרט גינסטיק פאַר אַ יידישן יישוב און אַז די עקאָנאָמישע אומשטענדן זיינען דאָרט אַזעלכע וואָס שאַפן אַ באָדן פאַר יידישער אַנטוויקלונג און ס'קען אויך ברענגען נוצן דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיע פון דעם לאַנד. אַזוי זיינען אומעטום געווען די באַדינגונגען ווו יידישע יישובים האָבן זיך אַנטוויקלט.

בבל איז געווען אויפנאַמס־פּעאיק פאַר יידישער איינוואַנדערונג נאָך די חורבנות פון סיי דעם ערשטן און סיי דעם צווייטן בית־המקדש. די יידן האָבן באַרייכערט שפּאַניע, ווען די דאָזיקע טעריטאָריע איז באַהערשט געוואָרן דורך די מוסולמאַנישע מורן. פּוילן און ליטע זיינען געווען פאַרהעלטניסמעסיק גאַסטפריינדלעך צו די יידישע איינוואַנדערערס נאָך דעם גירוש פון שפּאַניע. דאָס איז דערפאַר, וואָס די יידן פון דער שכנותדיקער דייטשער טעריטאָריע האָבן געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָליע אין דעם פאָרשריט פון דער פּוילישן קיניגרייך אין פערצנטן יאָרהונדערט אונטער דער ממשלה פון קאַזימיר דעם גרויסן.

איצט איז די דאָזיקע לאַגע שוין מער אין ערגעץ ניט גילטיק. איינע פון די הויפּט אורזאַכן וואָס האָבן געפירט צו דעם אומקום פון זעקס מיליאָן יידן דורך די דייטשן איז דאָס וואָס קיין לאַנד האָט ניט געוואָלט עפענען פאַר זיי די טויערן. משמעות, די יידן האָבן ניט געהאַט וווהין צו אַנטלויפן. די סאָציאַלע באַדינגונגען אויף דער וועלט זיינען איצט אין גאַנצן אַנדערש ווי זיי זיינען געווען אין דער צייט פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די טויערן פון אַ סך לענדער זיינען געווען ברייט אָפן פאַר אימיגראַציע. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען אין, לאָמיר זאָגן, מערב־אייראָפּע, אַמעריקע, דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע און אַנדערע מדינות זיינען איצט אַזעלכע, אַז זייערע רעגירונגען געפינען פאַר נייטיק צו שליסן זייערע טויערן פאַר נייער אימיגראַציע. דער פּועל־יוצא איז, אַז בעת בבל האָט געקענט אויפנעמען אַ יידישע איינוואַנדערונג נאָך די חורבנות פון די צוויי בית המקדשן; בעת שפּאַניע און מיזרח־אייראָפּע האָבן געקענט אויפנעמען יידישע מאַסן־איינוואַנדערונגען ווען די צייטן האָבן עס געפאָדערט — זיינען מיר, די יידן אין אַמעריקע, איצט אָפּגעשניטן געוואָרן — פּלוצים און פולשטענדיק פון יענע מקומות פון וועלכע מיר האָבן געצויגן אונדזערע גייסטיקע חיונה — פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, ליטע, און די באַלקאַנען — אָפּגעשניטן פון זייערע גימנאַזיעס פאָלקשולן, ישיבות אא"וו.

פאַר אונדז איז עס אַן אומפאַרגלייכלעכע קאַטאַסטראָפע. איצט, ווען מיר וואָלטן באַדאַרפט באַגעגענען און איינגלידערן צווישן זיך גרויסע מאַסן פון די מיליאָנען יידן וואָס האָבן געוווינט אין אַלע טיילן פון אייראָפּע און רוסלאַנד; ווען מיר וואָלטן באַדאַרפט פאַרפעסטיקן אונדזער יידיש אַמעריקאַנישע קולטור אויף די יסודות פון די קולטור־אוצרות וואָס וואָלטן צו אונדז אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון אייראָפּע — די אוצרות וואָס אונדזערע ברידער האָבן דאָרט געזאַמלט אין משך פון הונדערטער יאָרן — דערוויסן מיר זיך ווי קולטורעלע יתומים, וואָס זיינען אויסגעזעצט אויף אייגענע נאָך גאָר קנאַפּ אַנטוויקלטע כוחות.

עס איז ניט פון אַלעמען אנערקענט, אַז אין די עפּאָכעס פון יידישער געשיכטע,

ווען יידישע צענטערס האָבן אַריבערגעוואַנדערט פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, זיינען די דאָזיקע נייע צענטערס ניט אויפגעקומען פּלוצים. זיי האָבן זיך ניט אַנטוויקלט איבערנאַכט, נאָר אין משך פון אַ סך דורות. דער יידישער יישוב אין בבל איז שוין אַלט געווען עטלעכע הונדערט יאָר, ווען ער האָט אָנגעהויבן אויפנעמען יידישע איינוואַנדערונג נאָכן חורבן פונעם צווייטן בית המקדש; דער יידישער יישוב אין מיזרח אייראָפּע איז אויך אַלט געווען הונדערטער יאָרן ווען אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן אויפצונעמען די יידישע איינוואַנדערונג נאָכן גירוש שפּאַניע. דאָרטן איז די יידישע קולטור שוין געשטאַנען אויף גאָר הויכע מדרגות ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַבסאָרבירן די יידישע קולטור־ווערטן צוזאַמען מיט די אימיגראַנטישע מאַסן פון די אַנדערע לענדער.

און אַרויסקומענדיק פון דער דאָזיקער הנחה איז כדאי זיך אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון: ווי האַלט עס איצט מיט דער יידישער קולטור אין אַמעריקע? איז זי גענוג אַנטוויקלט און געפינט זי זיך אויף אַ גע־העריקער הויכער מדרגה בכדי צו קענען ממשיך זיין די אָנזאַמלונג און אַנטוויקלונג פון יידישע גייסטיקע אוצרות וואָס זיינען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון דור דורות?

פאַראַן אייניקע צווישן אונדז וואָס זיינען זייער פּעסימיסטיש געשטימט און זיי זיינען להוט צו פאַרורטיילן דאָס אַמעריקאַנישע יידישקייט, אַז ס'איז אַסימילאַטאָריש געשטימט און ס'האָט ניט קיין זאָרג פאַר דעם גורל פון יידישקייט.

אַזאַ פּעסימיסטישער שטייגער פון דענקען איז אָבער אומבאַגרינדעט. מענטשן וואָס דענקען אַזוי ווילן ניט, בשוגג אָדער במזיד, אַריינדרינגען אין דעם היסטאָרישן פּערספּעקטיוו פון געשעענישן. אַחוץ דעם — זיי טוען ניט דערקענען און שאַצן די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן און יידישלעכע קולטור אויפנעמיקייט פון די יידן אין אַמעריקע.

עס איז ניטאָ קיין שום גרונט צו דענקען אַז די אַמעריקאַנער יידישע קהילה פאַרמאָגט ניט די אינטעליגענץ און שטייט ניט אויף אַזאַ הויכער קולטור־מדרגה ווי עס זיינען געשטאַנען די יידישע קהילות אין בבל, שפּאַניע, אָדער מיזרח אייראָפּע בעת זיי האָבן אין זייערע צייטן אָנגעהויבן איבערנעמען די יידישע קולטורעלע ירושות פון די צענטערס וואָס זיי האָבן מיט דער צייט פאַרביטן.

אייניקע צווישן אונדזערע חשובסטע דענקערס זיינען אַזוי פּעסימיסטיש געשטימט, אַז זיי זאָגן, אַז דער איינציקער וועג ווי יידישקייט קען פאַרהיט ווערן אין אַמעריקע, איז דורך אין גאַנצן אונטערצוגעבן זיך צו דער השפּעה פון ישראל; אַנדערע זיינען נאָך מער פּעסימיסטיש און זיי זאָגן, אַז די אַמעריקאַנער יידן קענען זיך ראַטעווען בלויז דורך באַזעצן זיך אין ישראל. דאָס הייסט, דאָ אין לאַנד זיינען זיי פאַרמשפּט צום אומקום.

די דאָזיקע עקסטרעמע פּעסימיסטישע שטימונגען קענען מיר ניט אָננעמען צו זיין באַרעכטיקט. מיר האָבן קיין שום רעכט ניט אָנצונעמען אַזאַ שטעלונג מכוח אַמעריקאַנער יידישקייט. זיכער באַדאַרף אַזאַ שטעלונג ניט אָנגענומען ווערן ווען דער ענין זאָל באַטראַכט ווערן פונעם היסטאָרישן זעפּונקט. פון אָט דעם זעפּונקט באַדאַרפן מיר ניט פאַרגעסן דעם פאַקט, אַז די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג דאָ הי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיט וואָסערע זעכציק יאָר צוריק. דאָס הייסט, אַז אונדזער יידישקייט דאָ הי איז ערשט קוים אַריינגעקומען אינעם צווייטן דור און ס'האָט נאָך לחלוטין ניט געהאַט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט גרונטצופעסטיקן זיך און צו לאָזן אייגענע וואָרצלען.

לאָמיר דעם ענין פּרווון אַנאַליזירן פונעם היסטאָרישן זעפּונקט. לאָמיר עס קודם טאָן פונעם כלל אויפן פּרט:

וואָס האָבן — אינעם קולטור זינען — באַטראָפן די פאַרייניקטע שטאַטן אין די ערשטע זעכציק יאָר — אָדער אפילו צוויי מאָל זעכציק יאָר — זינט זייער אַנטשטייאונג?

און איצט פונעם פּרט אויפן כלל: וואָס פאַר אַ פּנים האָט געהאַט דאָס באַבילאָנישע יידישקייט זעכציק יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון דעם דאָזיקן יישוב? און אַזוי אויך די יידן פון שפּאַניע און די יידן פון מיזרח אייראָפּע.



און מיט דער זעלביקער מאָס באַדאַרפן מיר באַטראַכטן דעם יידישן יישוב דאָ הי.

ווען אין באַוווסטזיניקע יידישע קרייזן דאָ הי ווערט אויפגענומען די פראַגע פון יידישע קולטור וואָס ווערט געשאַפן אין אַמעריקע, ווערט זי דערביי שאַרף — אָפּט מאָל צו שאַרף — קריטיקירט. אָבער אויך אין שייכות מיט דעם איז כדאי אַז מיר זאָלן פירן אַ פאַרגלייך מיט דעם אויסדרוק פון יידישער קולטור, אַזוי ווי ער האָט זיך געענדערט און אייגנאַרטיק אַנטוויקלט בשעתם אין די אַמאָליקע פאַרשיידענע יידישע צענטערס פון באַשטימטע ערטער, ווען זיי האָבן פאַרביטן אַנדערע יידישע צענטערס ווען די לעצטע זיינען אומגעקומען.

למשל, ס'איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די עצם ווערטן פון דער יידישער קולטור, די רעליגיעזע אויפפירונגען, די מינהגים, דער אַרט לעבן, די נוסחאות פון די תפילות, דער עצם שטייגער לעבן, די סאַמע ליטעראַטור פון דעם יידישן פאָלק אין די ביבלישע צייטן פון יהודה און ישראל — דאָס אַלץ איז גריטלעך געענדערט געוואָרן דורך די יידן אין בבל. דאָרטן, אין בבל, איז די תורה געטייטשט און איבערגעטייטשט געוואָרן אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער כדי צוצופּאַסן אירע געבאָטן צו דעם געענדערטן לעבנסשטייגער וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין בבל. צו דער תורה זיינען צוגעגעבן געוואָרן פירושים און אויפקלערונגען, באַוווסטזיניקע מאָדיפיקאַציעס און תלמודישע איינשטעלונגען צוגעפּאַסט צו די נייע רעפאָרמאַטאָרישע אויפקלערונגען פון דער מאָדערנער צייט, לויט וועלכע געזעצן די יידן אין בבל האָבן זיך דעמאָלט אויפגעפירט. אמת, עס זיינען אויפגעהיט געוואָרן די אָריגינעלע יידישלעכע עטישע פּרינציפּן און דער תמצית פון יידישן מאָנאָטעאיסטישן רעליגיעזן גלויבן; אויך זיינען פאַרהיטן געוואָרן די מקורות פון יידישן געשיכטלעכן איינשטעל לויט ווי זיי ווערן איבערגעגעבן אין דער תורה און כתובים, אָבער דאָס אַלץ איז איבערגעטייטשט געוואָרן אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער און זיך צוגעפּאַסט צו דעם נייעם רעפאָרמאַטאָרישן לעבנסשטייגער פון דעם נייעם לאַנד ווו דער יישוב האָט זיך איינגעאָרדנט און אַנטוויקלט. די פּעדים וואָס האָבן פאַרבונדן מיטן עבר זיינען טאַקע ניט איבערגעריסן געוואָרן, אָבער אַנטוויקלט האָבן זיי זיך אויף אַ באַזונדערן שטייגער.

ענלעך רעפאָרמאַטאָריש האָבן געהאַנדלט די יידן אין שפּאַניע אין דער צייט פון דער אַזוי גערופענער „גאָלדענער עפּאָכע.“ אַזוי אויך די יידן אין פּראָווענס, ווו עס איז גלייכצייטיק מיט די שפּאַנישע יידן אַנטוויקלט געוואָרן אַ באַטייטנדיקער יידישער קולטור־צענטער. די דאָזיקע צוויי יידישע יישובים האָבן טאַקע אָנגענומען די אַלע דינים און מינהגים, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורכן תלמוד בבלי, זיי האָבן אָבער די דאָזיקע דינים און מינהגים געטייטש און פאַרטייטשט אויף זייער אייגענעם אייגנאַרטיקן שטייגער און זיי צוגעפּאַסט צו די לעבנסבאַדינגונגען פון זייערע אייגענע סביבות. דאָס הייסט, זיי האָבן אַנטוויקלט אַ צוגאָב, אַ צושטייער צו דעם תלמוד בבלי אין הסכם מיט דער ספּעציפיש שטייגערישער אייגנאַרטיקער קולטור. בעסער געזאָגט, זיי האָבן באַרייכערט די אַלטע יידישע קולטור, וואָס זיי האָבן איבערגענומען בירושה פון די אַמאָליקע דורות, מיט אַ צוגאָב פון נייע ווערטן. זיי האָבן דורך תוספות און מפרשים אַזוי געטייטשט און פאַרטייטשט דעם תלמוד און דעם תנ"ך, אַז די דינים און מישפּטים, וואָס זיינען דאָרט אַנטוויקלט, זאָלן זיך אַריינפּאַסן אין זייער אייגענעם שטייגער לעבן וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין זייערע באַזונדערע סביבות מיט דעם פאָרשריט פון דער צייט און אונטער דער השפּעה פון דער אומגעבונג.

דער חילוק איז נאָך גרעסער צווישן דער אויפפאַסונג פון יידישקייט צווישן די יידן פון שפּאַניע און דער יידישקייט אויפפאַסונג פון דעם שפּעטערדיקן אַנטוויקלטן יידישן קולטור־צענטער איז מיזרח אייראָפּע.

אמת, וואָס שייך קולטור־שעפערישקייט איז מיזרח־אייראָפּעישע ייִדנטום געווען אָפּגעשטאַנען לגבי די בליצייט שעפערישקייט פון שפּאַנישן ייִדישן יישוב. די מיזרח־אייראָפּעישע ייִדן האָבן ניט באַוויזן אַרויסצוגעבן מייסטערווערק ווי עס האָבן געשאַפן די ייִדן אין שפּאַניע, אויף די געביטן פון פילאָסאָפיע, הלכה, פּאָעזיע און וויסנשאַפט, ווי דאָס האָבן באַוויזן צו טאָן אַזעלכע גאונים ווי, צווישן אַנדערע, רמב״ם, יהודה הלוי, בן יהודה קרשקש (קרעסקעס), חסדאי („אור ה׳״), אברהם אבן עזרא און נאָך און נאָך. אפילו דאָס קאָלאָסאַל גרויסע מיסטישע מייסטערווערק, דער זוהר, איז דער ספּעציעלער פּראָדוקט פון די שפּאַנישע ייִדן.

דערפאַר אָבער האָבן די מיזרח אייראָפּעישע ייִדן — די ייִדן פון פּוילן, ליטע און רוסלאַנד — באַוויזן צו שאַפן עטוואָס אַנדערש, וואָס איז אפשר נאָך מער גרויסאַרטיק — זיי האָבן צווישן זיך איינגעאָרדנט אַזאַ אייגנאַרטיקן טאָג־טעגלעכן לעבנסשטייגער, וואָס צו דעם איז קיין גלייכן ניט געווען, ניט צווישן די ייִדן פון פריער, ניט איבער דער וועלט בכלל, און וואָס איז אַ ספק צי אַזאַ גלייכן וועט נאָך ווען עס איז ווידער זיין.

זייערס איז געווען אַן אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן פון אַלע 24 שעה פון מעת לעת. זייער פרומקייט, זייער איבערגעגעבנקייט צו די ייִדישע רעליגיעזע און וועלטלעכע חוקים ומשפּטים, זייער פּאַרטיפּטקייט אין לערנען תורה און דער עיקר גמרא — דאָס באַזונדערס צייכנט אויס די מיזרח־אייראָפּעישע ייִדן פון אַלע אַנדערע ייִדן איבער דער וועלט און אויך פון אַנדערע פעלקער איבער דער וועלט.

קיין מאָל אין דער געשיכטע פון אַלע פעלקער איבער דער וועלט האָט קיינער פון זיי ניט געהאַט אַזאַ גרויסן פּראָצענט פון אַלפאַבעטיזם ווי צווישן די מיזרח־אייראָפּעישע ייִדן. אפילו אונדזער אייגענע אַמעריקע, אָדער קאַנאַדע און ענגלאַנד האָבן ניט דערגרייכט אַזאַ פּראָפּאָרץ פון אַלפאַבעטיזם, ווי דאָס האָבן דערגרייכט אונדזערע עלטערן אין מיזרח־אייראָפּע.

אַרויסקומענדיק פון אָט דעם קוקווינקל באַדאַרפן מיר תמיד האָבן אין זינען, אַז דאָס רוב, די סאַמע גרעסטע צאָל פון די ייִדן אין אַמעריקע — סיי צפון און סיי צענטראַל און דרום אַמעריקע — זיינען דירעקטע אָפּשטאַמיקע פון די מיזרח־אייראָפּעישע ייִדן, און דערפאַר איז עס אַ גרויסער טעות צו נידערשאַצן, איבערהויפּט פּריצייטיק, דעם סאָרט קולטור וואָס די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן געשאַפן ביז איצט און וואָס זיי זאָגן צו צו שאַפן להבא.

אמת, עס איז ניטאָ די מינדסטע מעגלעכקייט, אַז אונדזער אייגענע קולטור און די קולטור פון אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער דאָ הי וועט זיין די זעלביקע וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געהאַט אין מיזרח אייראָפּע. מיר לעבן דאָ אין דורכויס געענדערטע סאָציאַלע באַדינגונגען.

אָבער אונדזער אַמעריקאַנער ייִדנטום ווערט איצט רייף אויף אַן אייגענעם שטייגער. עס אַנטוויקלט באַגריפן, איינשטעלונגען, אינסטיטוציעס און ווערטן אויף אַ דורכויס אייגנאַרטיקן שטייגער, אָבער גייסטיק ניט אָפּגעשטאַנען פון די דרכים און געמיט־השפּעות פון אונדזערע עלטערן פון וועלכע זיי שטאַמען.

אָפּט מאָל ווערט עס אַנדערש געקליידט, אַנדערש אויסגעשטעלט, אויך דער נוסח איז אַן אַנדערער, אָבער די כוונה בלייבט די זעלביקע. פאַר אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען אין באַטראַכט די הי אַנטוויקלטע ייִדישע צענטערס. זיי זיינען אַן אייגנאַרטיקע ייִדישע אינסטיטוציע, אַ באַנייטער בנין וואָס פּרוּווט — און אָפּט מאָל געלונגען — אויספילן דעם חלל וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם אומקום פון דער שול, דעם בית המדרש, די קלויז פון דער אַלטער היים און וואָס אַנטוויקלט זיך בהדרגהדיק ווי אַ קולטור־צענטער פאַר ייִדישע מענער, פרויען, יונג און אַלט און אפילו קינדער.

אָדער לאָמיר נעמען אין באַטראַכט די אַמעריקאַנער ייִדישע דערציונג. די פריערדיקע פאָלקשולן, וואָס אין זייער טענדענץ זיינען זיי געווען דורכויס וועלטלעך, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן אַריינעמען אין זייערע לימודים ייִדישע רעליגיעזע טראַדיציעס און מינהגים, תנ״ך, העברעיש און



זיי פּלאַנצן איין ליבשאַפט צו מדינת ישראל. אַזוי די שלום עליכם און אַרבעטער רינג שולן און אַוודאי און אַוודאי די פאַרבאַנד שולן — באַזונדערס אין קאַנאַדע, מעקסיקאָ, אַרגענטינע און אַנדערע דרום אַמעריקאַנער לענדער.

און די רעפאָרם באַוועגונג איבערן לאַנד, וואָס פריער האָבן זיי זיך צופרידן געשטעלט מיט איין־טאָגיקע זונטיק־שולן, פירן זיי איצט איין קינדער־שולן ווו מ׳לערנט ניט ווייניקער פון דריי מאָל אַ וואָך און דערצו גיבן זיי העברעישע קורסן פאַר דערוואַקסענע.

די פאַרשפּרייטע נעץ פון ייִדישע טאָגשולן, סיי די ישיבות און סיי די וועלטלעכע שולן, זיינען אַן איבעריקער באַווייז, אַז אַ גרויסע צאָל ייִדישע עלטערן זיינען נייגעריק צו געבן זייערע קינדער אַ רייך־ייִדישע דערציונג באַגלייך מיט אַ וועלטלעכער.

דאָס אַלץ איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ געזונטן שטייגנדיקן ייִדישלעכן לעבן אין די אַמעריקאַנער לענדער, הגם מער אין קאַנאַדע, צענטראַל און דרום אַמעריקע אידער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס באַווייזט, אַז ייִדן אין די תפוצות, אַריינגערעכנט די פאַראייניקטע שטאַטן, באַטראַכטן זיך ניט ווי אַן איבערבלייב פון אַן אומגעקומענער ציוויליזאַציע, נייערט ווי די טרעגערס פון אַן אַלטער קולטור, וואָס זיי ווילן בשום אופן ניט אויפגעבן און זיי ווילן זי אַנטוויקלען און זי צופּאַסן צו די נייע אָרטיקע סאָציאַלע באַדינגונגען — אַזוי ווי דאָס האָבן אַ מאָל געטאָן די תנאים און אמוראים אין בבל און ווי עס האָבן שפּעטער געטאָן אונדזערע חז״ל אין ספרד און אַנדערע מקומות.

דאָס פירט צו דעם, אַז מיר נייטיקן זיך, וואָס ווייטער אַלץ מער, אין ייִדישע און העברעישע לערערס און דערציערס, סיי אויפן עלעמענטאַרן געביט און סיי אַקאַדעמיקערס. דער עיקר פילט זיך ביי אונדז אַ דוחק אין אַקאַדעמיקערס. קיין מאָל האָבן מיר זיך אויף אַזוי פיל ניט גענייטיקט אין ייִדישע לערערס מיט העכערער וויסנשאַפט ווי מיר נייטיקן זיך איצט. און וואָס ווייטער אַלץ מער וועט זיך פילן דער דוחק אין זיי. די איצט עקזיסטירנדיקע ייִדישע מיטל־ און הויכשולן — דראָפּסי קאָלעדזש, היברו יוניאָן קאָלעדזש, ייִדישער אינסטיטוט פון רעליגיע, ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, דער ייִדישער סעמינאַר און הרצליה, ישיבה אוניווערסיטעט, בראַנדייס אוניווערסיטעט, די העברעישע קאָלעדזשעס אין באָסטאָן, ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס און אַנדערע מקומות — זיי אַלע נייטיקן זיך אין יינגערע אַקאַדעמיקערס וואָס זאָלן ממלא מקום זיין אַ סך פון די עלטערע און שוין מיד געוואָרענע לערערס וואָס געפינען זיך דאָרט.

נאָך מער: אַ צאָל אַלגעמיינע אוניווערסיטעטן עפענען פאַקולטעטן פאַר העברעאיקע, יודאַיקע און סעמיטישע שטודיעס און ייִדישע לערערס פאַרנעמען דאָרט די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע שטעלעס. מיר האָבן דערביי אין זינען דעם ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, קאָרנעל, קאָלאָמביע, האַרוואַרד, די אוניווערסיטעטן פון וויסקאָנסין, קענטאָקי, קאַליפאָרניע א״אַ.

מיר קענען דאָ הי מער ניט פאַרלאָזן זיך אויף אייראָפּעישע ישיבות, גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן, אַז זיי זאָלן אונדז צושטעלן די לערערס און פּראָפעסאָרן אין וועלכע מיר נייטיקן זיך. אויך קען ישראל, לעת עתה, ניט אויספילן אָט דעם ליידיקן פּלאַץ. מיר דאַרפן אַליין דערציען אונדזערע וויסנשאַפטסלייט. יודאַיזם האַלט אין אַנטוויקלען זיך אין אַמעריקע און וואָס ווייטער אַלץ מער וועט זיך עס אַנטוויקלען.

מיר געפינען זיך איצט ביים אָנהייב פון אַן עפּאָכע, וואָס וועט שפּעטער אין דער געשיכטע באַקאַנט ווערן ווי די אַמעריקאַנער און ישראל ייִדישע עפּאָכע.

מיר און אונדזערע יורשים וועלן פון דעם אויף אַזוי פיל גייסטיק געניסן אויף וויפל מיר וועלן זיין אַקטיוו די דאָזיקע עפּאָכע צו פאַרפעסטיקן.

דאָס לעבן פון אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער וועט פיל באַרייכערט ווערן דורך די ווערטן וואָס זיי וועלן אַריינקריגן ווי שטאָלצע ייִדן און פרייע אַמעריקאַנער.

אברהם גאָלאָמב

## ב. קורציזיכטיקייט אין געשיכטע

גליקלעך זיינען די ייִדן וואָס ריידן זיך איין אָפּטימיזם: „ייִדיש פאָלק איז אייביק, מיר גייען ניט אונטער.״ דובנאָוו האָט געטראַכט צו שרייבן איין געשיכטע פון איין ייִדיש פאָלק, עס איז אָבער אַרויס אַ סכום געשיכטעס פון באַזונדערע ייִדישע ישובים. יעדער יישוב האָט געהאַט זיין געשיכטע. לייוויקס באַרימט ליד: „איך הייב זיך אויף און גיי ווייטער״ איז בלויז סימבאָליש. אין דער אמתן זיינען מיר גאָר ניט קיין אייביק פאָלק. די לעגענדע פון יענעם פויגל וואָס ווערט פאַרברענט און גייט אַרויס אַ באַנייטער פון פייער איז נאָר אַ לעגענדע.

אין דער אמתן איז גאָר ניטאָ קיין איין ייִדיש פאָלק מיט איין געשיכטע. פאַראַן באַזונדערע ייִדישע שבטים און באַזונדערע ייִדישע געשיכטעס. אַלגעמיין, איינס, קענען זיין בלויז די אויספירן פון די ייִדישע געשיכטעס. און די אויספירן זיינען גאָר ניט קיין אָפּטימיסטיש פריילעכע. לאָמיר דאָ אָנוואַרפן עטלעכע אויספירן:

1.—אַלע ייִדישע יישובים זיינען יונגע. ניטאָ קיין אוראַלטע, קיין אַלטע ייִדישע יישובים. דער עלטסטער ייִדישער יישוב איז געווען אין פוילן, טויזנט יאָר אַלט. איז דער יישוב איצט חרוב, ניטאָ מער. די יישובים פון ייִדן אין מערב אייראָפּע האָבן אין גאַנצן ניט קיין געשיכטע מער. זיי זיינען ייִדן, אָבער קיין ייִדישע שבטים זיי זיי ניט. ניטאָ ביי זיי קיין געשיכטע, זיי זיינען ניט קיין קאָלעקטיוון.

דער ייִדישער יישוב אין אַמעריקע איז ניט אַלט קיין דריי הונדערט יאָר, ווי מען האָט געוואָלט איינריידן זיך. די דריי הונדערט יאָר ייִדן אין אַמעריקע זיינען שוין דריי באַזונדערע געשיכטעס. דער ערשטער ייִדישער יישוב אין ניי־אַמסטערדאַם (ניו־יאָרק, נ״י) איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן. ניטאָ פון אים קיין זכר אין אַמעריקע. געווען אַ געשיכטע פון דייטשישע ייִדן, איז זי מער ניטאָ. יענע האָבן מסתמא געלאָזן יורשים, אָבער אין ייִדישן לעבן זעט מען זיי ניט, הערט מען זיי ניט. דער הייַנטיקער גאַנץ אַקטיווער, טומלדיקער יישוב איז אין גאַנצן אַלט אַ נייַנציק יאָר. ער שטאַמט נאָר פון מזרח־אייראָפּע, און ער הייבט אָן אונטערצוגיין. עלטער איז דער ייִדישער יישוב אין בראַזיל, אין מעקסיקע. זיינען אָבער די ערשטע ייִדישע יישובים דאָרטן לאַנג אונטערגעגאַנגען דורך אינקוויזיציע און נאָך מער דורך אַסימילאַציע. די היינטיקע אַלע יישובים אין גאַנץ דרום־אַמעריקע זיינען יונגע, ניט קיין הונדערט יאָר אַלט. אַלץ איין דור. דער צווייטער דור איז שוין אַ קנאַפּער קאָלעקטיוו. זיין געשיכטע פון אַ ייִדיש פאָלק איז שוין אין פּראָצעס פון אונטערגאַנג.

2.—דער אונטערגאַנג פון אַ ייִדישן שבט קען זיין מיט אָדער אָן יורשים. שוין דער ערשטער ייִד, אברהם אָבינו, האָט מורא געהאַט וואָס „אָנוכי הולך ערירי,״ איך גיי אַוועק אָן יורשים. די נביאים האָבן שוין געהאַט אַן אויסדרוק: „שארית ישראל״—אַ רעשטל פון ייִדישן פאָלק; אין דער גמרא איז פאַראַן אַ טראַגישער אויסדרוק: „יכלה זרעו של אברהם אבינו״ — עס גייט אונטער, עס ענדיקט זיך דער אָפּשטאַם פון אברהמס קינדער.

דראַמאַטיש איז די תפילה פון וואָכעדיקן דאַוונען: „שומר ישראל, שמור שארית ישראל ואַל יאבד ישראל״—דו היטער פון ישראל! היט דאָס רעשטל פון ישראל און זאָל ער ניט גיין פאַרלאָרן...

די תפילה האָט ווייניק וואָס געהאָלפן: אַלע ייִדישע שבטים גייען אונטער. ניטאָ קיין אייביק ייִדיש פאָלק, ניטאָ קיין לעגענדאַרער אַהאַספער, קיין אייביקער ייִד. אונטערגעגאַנגען, געשטאָרבן, איז ניטאָ קיין תחיית המתים. קיין איין ייִדישער יישוב איז ניט אויפגעשטאַנען קיין תחיית המתים.

אַ קלוגע גמרא האָט עס שוין לאַנג געזאָגט, אַז גוט איז וואָס דאָס ייִדישע פאָלק איז צעשפּרייט געוואָרן בין האומות, צווישן פעלקער. זאָגט רש״י, דערפאַר



קען מען זיי ניט אומברענגען מיט איין מאָל. דאָס וואָרט אומברענגען איז ניט ריכטיק, עס וואָלט געווען ריכטיקער: אונטערגיין.

שבטים וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען מיט יורשים זיינען: יהודה, בבל, אַשכנז, מזרח־אייראָפּע, מדינת ישראל.

ישובים וואָס זיינען אונטערגעגאַנגען אָן יורשים זיינען: ישראל (שומרון), העלעניסטישע מצריים, ספרד, מערב־אייראָפּע. די טענדענץ פון די היינטיקע ישובים אין די גלותן איז אויך אונטערצוגיין אָן יורשים...

3.—יעדער יורש וואָס נעמט איבער ייִדישקייט פון אַ פריערדיקן שבט מאַכט זי איבער, ענדערט זי, אָבער עס איז אַלע מאָל המשך פון דעם פריערדיקן. אין מיין בוך „צווישן תקופות״ (תל־אביב 1968, אויספאַרקויפט; מיר איז ניט באַקאַנט קיין איין רעצענזיע, קיין איין קריטיק אפילו פון די צופרידענע אָפּטימיסטן). אין דעם בוך האָב איך אָנגערעכנט גאַנצע נייַנצן גרונטיקע פונקטן ווו די תלמודישע ייִדישקייט איז אַוועק גאָר אַנדערש פון דער תנכישער. און אַזוי דאַרף זיין! ייִדישקייט איז אַ שטראָם, אַ בוים וואָס וואַקסט און וואַרפט אַראָפּ די אַלטע בלעטער און פרוכטן, און שאַפט נייע. אַזוי איז אויך מיטן ייִדישן פאָלק. אייביק זיינען בלויז די מצרישע מומיעס אין מוזייען.

4.—די משנה איז פרקי אבות: „משה האָט באַקומען די תורה (ייִדישקייט) און זי איבערגעגעבן צו יהושע. יהושע — צו די זקנים, די— ווייטער צו די נביאים און זיי צו די כנסת הגדולה. דאַרפן מיר ציען ווייטער: די כנסת הגדולה — צו די תנאים, צו די אמוראים, צו די גאונים אין בבל, צו אַשכנז, צו מזרח־אייראָפּע, צו מדינת ישראל.

די לעצטע האַלט אין איין וועלן זיך אָפּזאָגן פון דער ירושה (שלילת הגלות), אָבער דאָס האָדעוועט כנעניזם, „מצפּן״ און אַנדערע אָפּטריניקעס: און די מדינה נעמט ביסלעכווייז אָן די ירושה. מיט אַנדערע ווערטער, גייט די ירושה ייִדישקייט אַריבער אַזוי: די העברעיש־תנכישע צו דער תלמודיש־אַראַמישער. אַן אַנדער לאַנד מיט אַן אַנדער שפּראַך מיט אַנדערע אידעען און דאָך געטרייע יורשים די אַראַמיש־בבלישע תלמודישע ייִדישקייט איז אַריבער צו די ייִדישע שטעטלעך מיט ייִדיש.

5.—תנ״ך — איין שפּראַך; תלמודישע תקופה — צוויי שפּראַכן (העברעיש, אַראַמיש); מזרח־אייראָפּעישע שטעטלעך מיט אַ סך נייע עלעמענטן און מיט דריי שפּראַכן (ייִדיש, אַראַמיש, העברעיש). די מדינה מיט עברית וועט נאָך האָבן גאָר גרויסע צרות אויסצושטיין פון... ענגליש.

6.—העברעיש אין דער וועלט האַלט זיך בלויז אויף ייִדיש, נאָר דאָרטן ווו מען רעדט ייִדיש — נאָר דאָרטן לעבט אויך עברית. דאָרטן ווו מען רעדט ניט מער קיין ייִדיש, דאָרטן איז ניטאָ קיין העברעיש, ניט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען וואָס מען מאַכט. אַלע לערנען עברית, און דער איינציקער „הדואר״ האַלט כסדר ביים אונטערגיין, ווייל ניטאָ קיין לייענער. אין דער ייִדישער מדינה קען זיך אין אַ סך יאָרן אַרום איבערחזרן דער זעלביקער פּראָצעס אויב מען וועט ווייטער נעגירן ייִדיש. שפּראַכן וואָס ייִדן נוצן זיינען פאַראַן צווייערליי: שפּראַכן פון קיום און שפּראַכן פון אומקום. די שפּראַכן פון קיום זיינען:

געשריבן מיט ייִדישן אלף־בית, זיי האָבן אַן אייגענע ייִדישע אויסשפּראַך (אַקצענט), אַן אייגענע גראַמאַטיק. ייִדן מאַכן די שפּראַכן איבער. אין די שפּראַכן האָבן ייִדן אַן אייגענעם ייִדישן פאָלקלאָר.

די שפּראַכן פון אומקום: ווערן געשריבן מיט דעם פרעמדן אלף־בית, ייִדן באַמיען זיך איבערצונעמען דעם אַקצענט (אויסשפּראַך) פון הויפּטפאָלק, די גראַמאַטיק; זיי האָבן ניט קיין אייגענעם ייִדישן פאָלקלאָר און בכלל באַמיען זיי זיך מען זאָל אין זייער ריידן ניט דערקענען, חלילה, אַז זיי זיינען ייִדן. צו וואָסער גרופּע געהערט ענגליש אין ייִדישע מיילער? — קלאָר די טענדענץ.

7.—ייִדישע געלערנטע שאַפן גרויסע, וויכטיקע ווערק אין ענגליש... אַ קורצזיכטיקע, נאַיווע טרייסט, און אָט פאַרוואָס:

א) אַ פאָלק האַלט זיך און לעבט ניט מיט ספרים, אפילו ניט מיט ספר־תורות, ניט מיט תורה נאָר מיט תלמוד תורה. מיט ייִדישקייט אין לעבן, ניט אין ביבליאָ־

טעקן. יידן האָבן געשאַפן רייכע ביבליאָטעקן אין גריכיש און אונטערגעגאַנגען אָן יורשים! יידן האָבן געשאַפן גאַנצע ביבליאָטעקן, וויכטיקע ווערק אין דייטש און קיינער דאַרף זיי ניט, וויל זי ניט, און האַלט זיך ניט מיט זיי. יידן האָבן געשאַפן יידישע ווערק אין פויליש און אין רוסיש (מער ווי הונדערט יאָר!). צוויי און אַ האַלבער מיליאָן יידן אין רוסלאַנד האָבן רוסיש ווי די מוטערשפּראַך, ווער אָבער לייענט די יידישע שרייבער אויף רוסיש? קיינער ניט! דאָס איז דער גורל פון די וויכטיקע ווערק וואָס יידישע געלערנטע שאַפן אין ענגליש. ווי פלאַך און נאַיוו־קינדיש עס דענקען דאָס די באַרימטע יידישע אָפּטימיסטן. עס דוכט זיך אָפט אַז זיי ווילן זיך אַליין איינריידן דעם כלומרשטן אָפּטימיזם זייערן,, ווייל זייער נשמה פילט דעם שאַרפסטן פּעסימיזם.

אָדער איך זאָל זאָגן אַז דער גאַנצער אָפּטימיזם איז אַ ליגנערישער. בכל אופן — אַ פאַלשער.

8.— דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג גייט אַזוי: יידן הערן אויף צו זיין אַ קאָלעקטיוו. באַזונדערע יידן, יאָ, אָבער ניטאָ שוין קיין קאָלעקטיווע יידישע אינטערעסן. יידן פאַרגעסן זייער יידישקייט. זיי גיסן זיך אַריין אין דעם הויפּטפאָלק. פון די קנאַפּע זעקס מיליאָן יידן אין די שטאַטן וועלן אין אַ פופציק יאָר אַרום בלייבן הלוואי אַ העלפט... אויב... מען וועט זיי לאָזן זיך אינטעגרירן.

גענויער, פּרטימדיקער וועגן דעם אַלעם — אין מיינע ביכער: „אויף די וועגן פון קיום,” „אונדזער גאַנג צווישן פעלקער,” „אייביקע וועגן פון אייביקן פאָלק,” „צווישן תקופות”, „אינטעגראַלע יידישקייט” און „אונדזער מאָרגן”. אין אַ קורצן זשורנאַל־אַרטיקל קען מען געבן נאָר ראשי פּרקים.

שמואל גאָלדשמידט / לאָנדאָן

ג.

# דער כוח פון יידישקייט*)

וואָס האַלט אונדז צוזאַמען היינטיקע צייטן?

דאָס איז אַ נאַטירלעכע פראַגע, ווארום עס איז היינט, טעכניש גערעדט, זייער לייכט פאַר אַ יידן אויפצוהערן זיין אַ ייד. עס איז ניט פאַראַן קיין גרויסע מניעה פאַר אַ יידן אַוועקצוגיין פון יידישן פאָלק אין די ראַמען פון אַ פרייער געזעלשאַפט. ניט אַלע יידן זעען אויס ווי „פּישקע דער קרומער.” על כל פּנים אויסערלעכע שטריכן בייטן זיך אין משך פון איין דור, ווי מיר האָבן געזען אין מדינת ישראל. הכלל, וואָס האַלט אונדז צוזאַמען? זיכער ניט פאָרמעלע פרומקייט אין אַלע פאַלן. איך אַליין, למשל — און יעדער פון אונדז רעדט פאַר זיך, און נאָר פאַר זיך, אין אַזוינע ענינים — קען אָפן זאָגן, אַז פאָרמעלער יודאַיזם, ווי עס ווערט פּראַקטיצירט אין אַזוי־גערופענע עמאַנציפּירטע יידישע קרייזן אין מערב, וואָלט מיך ניט געהאַלטן צווישן יידן קיין פינף מינוט.

איך נעם אָן, אַז דאָס וואָלט געווען די שטעלונג פון אַ סך יידן, וועמענס דערציאונג עס איז געווען אַ העברעיש וועלטלעכע און ניט אַנגלאָ־רעליגיעזע. וואָס האַלט אונדז אויף אַלס יידן?

דאָ מוז איך אַריינפירן אַ נייעם באַגריף — יידישקייט. יידישקייט לאָזט זיך ניט איבערזעצן אפילו אין העברעיש, שוין אָפּגערעדט וועגן אַנדערע לשונות. איך קען עס אפילו ניט גענוי דעפינירן, הגם עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן עס אין זיך, אַז מיר לעבן מיט דעם, אַז עס מאַכט פון אונדז דאָס וואָס מיר זיינען. דעפינירן יידישקייט איז שווער, ווי געזאָגט, אָבער מען קען זייער לייכט באַשרייבן די השפּעה פון יידישקייט אויף אַ יידן; דעם כוח פון יידישקייט אינעם לעבן פון יידישן פּרט און יידישן כלל.

אונדזער יידישקייט נעמט זיך פון אונ־

*) אַ קאַפּיטל פונעם בוך „יידן בין השמשות.” דאָס בוך איז דערשינען אין ענגליש און אָט דאָס קאַפּיטל איז איבערגעזעצט אין יידיש פונעם מחבר אַליין.



דזערע סאַמע וואָרצלען — און וואָרצלען זעען זיך ניט בדרך כלל...

יידישקייט איז ניט יודאַיזם. דאָס דאַרף מען קודם כל פעסטשטעלן. יידישקייט איז דער מיסטישער כוח אין אונדזער לעבן, אונדזער תורה און אונדזער חכמה; אונדזערע ליידן אין עבר, אונדזער טראַדיציע, חסידישע צדקות און מתנגדישע חקירות. און נאָך דעם אַלעמען בין איך נאָך ניט פאַרטיק. דאָס צעטל איז נאָך ניט אויסגעשעפּט . . .

איך פלעג זיך אָפט מאָל פרעגן: וואָס האָב איך געמיינזאַמעס מיט אַ יידן פון תימן, וועלכער האָט קיין מאָל ניט געהערט פון ד״ר הערצל, שוין אָפּגערעדט פון משה העס, פּינסקער און ליליענבלום, איידער ער איז געקומען קיין ישראל; וועמענס שטייגער פון דאַוונען איז לחלוטין אַנדערש פון מיין טאַטנס און מיין זיידנס, וועמענס ניגונים מאַכן אויף מיר ניט קיין איינדרוק.

די תשובה אויף דער דאָזיקער פראַגע האָב איך געקראָגן אין איינער אַ נאַכט אין גליל, ביים קבר פון רבי שמעון בר יוחאי. עס איז געווען ל״ג בעומר און איך בין געפאָרן צום קבר פון רבי שמעון. עס זיינען געווען פאַרזאַמלט ביים קבר אַרום צען טויזנט מענטשן. אייניקע זיינען געזעסן אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, אַנדערע האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט אין אַ קרייז. אייניקע האָבן מתפּלל געווען און אַנדערע האָבן גלאַט באַקוקט די סצענע. אייניקע האָבן געזוכט אַ תרופה צו זייערע שלאַפקייטן און אַנדערע זיינען גלאַט געווען נייגעריקע צושויער. אָבער מיר זיינען אַלע געווען אין משפּחה, שותּפים צו דעם קבר פון רבי שמעון. מיר האָבן אַלע געפילט אַן עקסטאַטישע דערהייבנקייט, וואָס איז ניט געווען רעליגיעז נייערט זייער טיף יידיש . . . דאָס איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון יידישקייט.

איך דערפיל מיינע יידישע וואָרצלען באַלד ווי איך גיי אַריין אין אַן אַלטמאָדישן בית־המדרש — ליידער זיינען קיין סך ניט געבליבן — הגם דער ציל פון מיין באַזוך איז ניט תפילה אין דעם אָנגענומענעם זין.

אייניקע יידן פרעגן: וואָס האָבן ספרדישע יידן געמיינזאַמעס מיט רוסישע יידן, לאָמיר זאָגן, אָדער מערבדיקע יידן? דער ענטפער איז, אַז מיר פאַרמאָגן ניט נאָר ביאַליק און טשערניכאָווסקי אין אונדזער נאַציאָנאַלן אוצר, נייערט אויך יהודה הלוי און שלמה בן גבירול. בעצם וואָלטן מיר ניט געהאַט אַ יהודה הלוי אָן אַ שלמה בן־גבירול. עס איז איין גאָלדענע קייט.

און אָט איז נאָך אַ ביישפּיל פונעם כוח פון יידישקייט.

ניט לאַנג צוריק האָבן מיר ווידער געזען דעם „דיבוק”, ווידער אַ מאָל לויט דעם נוסח פון „הבימה”. עס איז געווען דער אַלטער „דיבוק” על פּי אַנסקי און וואַכטאַנגאָוו — ווי אַנסקי האָט דאָס שטיק געשריבן און ווי וואַכטאַנגאָוו האָט עס סצעניזירט אין מאָסקווע, אין יענע טעג נאָך דער 1917־רעוואָלוציע. אייניקע ניט־יידישע טעאַטער־קריטיקערס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס שטיק איז אַלטפרענקיש, ניט וויכטיק מער, אפילו ניט קיין גוטער ביישפּיל פון אַ היסטאָרישער פאָרשטעלונג. אָבער וואָס ווייסן די גויים וועגן „דיבוק”? איך האָב געזען דאָס שטיק ניין מאָל. יעדער מאָל פאַרגעס איך מיין לאָגיק און ווער פאַרוויגט אין חסידישער ראָמאַנטיק. איך פרעג ניט קיין שאלות. וויבאַלד דער מיראָפּאָלער צדיק דערשיינט ביים לאַנגן טיש — בין איך זיין אונטערטעניקער קנעכט — איך — אַ ליטוואַק פון דורות . . .

אויב איר וועט מיר פרעגן, ווי אַזוי קען אַ ליטוואַק ווי איך זיך אַריינלאָזן אין אַזוינע חסידישע מעשיות, וועל איך אייך ענטפערן ווי מאירקע, איינער פון די בטלנים אין אַנסקיס דראַמע. איר וועט זיך דערמאָנען, אַז ער דערציילט די מעשה וועגן רבי שמעלקע פון ניקעלסבורג. רבי שמעלקע, זאָגט ער, האָט ניט געטראָגן קיין פּשוטן גאַרטל, נייערט אַ גיפּטיקע שלאַנג אַרום בויך. צו וואָס האָט רבי שמעלקע געדאַרפט אַ שלאַנג, און דערצו נאָך אַ גיפּטיקע? בכדי ער זאָל קענען הייסן די שלאַנג איינבייסן די, וועלכע האָבן ניט געוואָלט מקיים זיין אַ פּסק אין אַ דין־תורה...

ווען איינער פון די בטלנים, נחקע, פרעגט מאירקען, ווי אַזוי קען דאָס מעגלעך זיין? ענטפערט אים מאירקע בזה הלשון: „איך דערצייל דיר אַן אמתע מעשה

און דו פרעגסט נאַרישע קשיות"...

פאַרוואָס האָבן פאַרהאַרטעוועטע זעלנער אין מיטן פון אַ שלאַכט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן כותל מערבי און געוויינט מיט טרערן פון בענקשאַפט און שמחה? פאַרוואָס האָבן אפּיקורסים און הומאַניסטן פון קיבוצים, פאַרשטעלט אַלס האַרטע פּאַראַשוטיסטן צו גיין אין מלחמה אַריין, אַוועקגעשטעלט זייערע ביקסן און געפּרוווט לייגן תּפילין ביים כותל מערבי? דאָס איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון יידישקייט. יידישקייט איז פאַראַן אין ישראל אַזוי ווי אין גלות; יידישקייט איז פאַראַן דאָרטן ווו יידן זיינען פאַראַן...

יידישקייט ווירקט אויף פאַרשיידענע יידן אויף פאַרשיידענע אופנים.

קלאָר אַז צווישן 5 און 10 פּראָצענט יידן גייען אַוועק פון יידישן פאָלק אַלע יאָר. אַזוי פיל גייען אַוועק אויך פון אַנדערע פעלקער, פון די ענגלענדער, פראַנצויזן, איטאַליענער, וועמענס נאַציאָנאַלע וואָרצלען עס זיינען אויך זייער טיף. מיר זיינען ניט אַנדערש ווי אַנדערע אין דעם פּרט.

עס איז פאַראַן אַ וואונדערלעכע סקיצע ביי בוקי־בן־יגלי קאַצענעלסאָן, וואָס הייסט „צווישן די שטיינער אין פעלד" („בין אבני השדה" אין העברעישן אָריגינאַל). דאָרט ווערט געזאָגט: „איר קענט אָפּרוקן שטיינער, אָבער איר קענט ניט אָפּרוקן ביימער, וואָרום ביימער האָבן וואָרצלען.

דאָס איז דאָס!

מיר האָבן וואָרצלען. דעריבער ווילן מיר בלייבן וואָס מיר זיינען און אפילו פאַרזיכערן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן בלייבן יידן. מיר ווילן אונדזער יידישקייט איינפלאַנצן אין קומענדיקן דור!

„פאַרוואָס בין איך אַ ייד"? — איז אַ נאַרישע פראַגע...

עס איז געווען אַן אומדערטרעגלעכע לאַסט צו זיין אַ ייד נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק. איצט, אַז מיר האָבן מדינת ישראל, אַז אונדזער נאַציאָנאַלער קיום איז פאַרזיכערט, איז עס אַ גרויסע דערפאַרונג צו זיין אַ ייד. געווען אַ צייט ווען מיר האָבן מורא געהאַט טאָמער דער כוח פון יידישקייט וועט זיך אויסוועפּן. היינט איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער כוח איז נאָך אַלץ שטאַרק, כאָטש ער האָט נייע פאָרמעס.

אַזוינע מעטאַמאָרפאָזעס זיינען ניט קיין חידוש אין אַ באַהאַלטענעם כוח...

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

## צוויי לידער

### פרייד

מיין פרייד טראָגט אַ ווייס קלייד,
און אַ ווייסן באַנד אין די האָר.
מיט ווייסע שיך,
און זי האַלט אַ קליינעם „טעדי"־בער.

זי שמייכלט אַ קינדיש שמייכל,
זי האָט אַ לאַכנדיק קול,
זי גיט מיר צו האַלטן איר קליין הענטל,
און ס'איז מיר וואויל.

מיין פרייד איז אַלט צען יאָר,
מיין זינגענדיק מיידל,
צווישן אַ מחנה קינדער,
מיין שיינדל.

### מיין ליד

ביסט אַ ליד
וואָס איך האָב ניט געזונגען,
כ'וועל ניט לאָזן
פון מיין צונג אַנטרינען.

דו האָסט מיינע ליפּן
געבראַכט צופיל גליק,
אַז דו זאָלסט ווערן אַ ליד,
און פון מיר אַוועק.

דו ביסט אַ ליד
וואָס ריזלט אין מיין בלוט,
דאָס שענסטע ליד,
וואָס איך זינג עס ניט.



העניך בערמאַן

# ווי אַזוי מען דערקענט אַ פאָלק

אַ פאָלק דערקענט מען לויט זיין לעבנסשטייגער. וויל מען פאַרשטיין דעם גייסטיקן מצב פון אַ פאָלק, זאָל מען זיך צוקוקן צום אופן ווי זיינע ימים־טובים ווערן געפייערט. איבערהויפּט קען דאָס אָנגעווענדט ווערן, אין פולן זין פון וואָרט, אויף אונדזער אייגענער אומה, לפי אונדזער לעבנס־איינשטעל, מיט אונדזערע אייגנאַרטיקע מצוות און טראַדיציעס וואָס טיילן אונדז אויס פון אַנדערע פעלקער. אין דעם געפינט זיך דער סוד און יסוד פון אונדזער יידישן המשך, אונדזער ווידערשטאַנד קעגן אַלע דרויסנדיקע און אינערלעכע געפאַרן, וואָס באַדראָען פון מאָל צו מאָל אונדזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק.

פסח איז דער עיקר פון אַלע אונדזערע ימים טובים. ס'איז נישט מחמת דעם וואָס ער שטייט דער ערשטער אין דעם לוח פון די יידישע ימים טובים (וואָס ער איז), אויך נישט מחמת זיין אַמאָליקן ריטואַלן מינהג פון קרבן פסח, נייערט מחמת דעם וואָס ער איז דער יום־טוב פון סימבאָל פון באַפרייאונג, דער יום־טוב פון דער גאולה, אויך דער יום־טוב פון דער משפּחה, דער יום־טוב פון קעגנשטעלן זיך צו דער אַסימילאַציע.

אין זכות פון פיר זאַכן, דערציילט דער מדרש, זיינען יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים: נישט געביטן זייערע נעמען, נישט די שפּראַך, נישט אויסגעגעבן זייערע סודות און נישט מבטל געמאַכט דאָס מל זיין. — אָט די אַלע זאַכן וואָס היטן אָפּ אַ פאָלק פון אַסימילאַצע.

דער יום־טוב פסח האָט אויך אַ צוגאָב: סדר פסח, אַ צוגאָב, וואָס קיין שום אַנדער יום־טוב פאַרמאָגט ניט. דאָ פאַסט זיך אַריין דער געדאַנק פון „חפץ חיים" (אגב איך בין געווען זיינס אַ תלמיד) האָט אַזוי וואונדערלעך טרעפלעך דעפינירט דעם אונטערשייד צווישן אַ ייד און אַ נישט־ייד: אַ ייד, האָט ער געזאָגט, אַז ער שטייט אויף אין דער פרי מאַכט ער זיך אַ סדר־היום, ער טוט אַלץ לויט אַ באַשטימטן סדר: ער וואַשט זיך, ער דאַוונט, ער בענטשט אא"וו. דער נישט־ייד טוט אפשר דאָס זעלבע אָבער אָן אַ סדר. ווען ער וויל דאַוונט ער, ווען ער וויל עסט ער, אא"וו.

דער יום־טוב פסח ווערט אָנגערופן סדר־פסח, ווייל יציאת מצרים האָט אַריינגעבראַכט אַ סדר אין אונדזער פאָלקס־לעבן לדורות. דער זמן־חרותנו, דער יום־טוב פון פולקומענער פרייהייט.

פסח איז די אַקס פון אַלע יידישע ימים טובים. די גאַנצע יידישע טראַדיציע און שטייגער לעבן איז פאַרבונדן מיט יציאַת מצרים, מיט אָט דער געוואַלדיק גרויסער עפּאָפּעע. אַרויסנעמען דעם סבלות פון די יידן, ווי זאָגן די חז"ל: דער גרעסטער נס איז נישט אַזוי דאָס אַרויסנעמען די יידן פון מצרים, ווי אַרויסנעמען די מצרישקייט פון די יידן. רבי יהודה הלוי, אין זיין הכוזרי, פרעגט: פאַרוואָס הייבן זיך אָן די צען געבאָטן מיט „אָנכי ה' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים" און נישט מיט „אנכי ה' אלהיך אשר ברא את השמים ואת הארץ"? די אוניווערסאַלע קאָסמישע גרויסקייט איז דאָך אַ גרעסערער נס. און רבי יהודה הלוי ענטפערט: ווייל דאָס באַשאַפן דעם הימל און ערד האָט קיין שום מענטשלעך אויג נישט געזען, אָבער פאַר דאָס אַרויסנעמען די יידן פון מצרים זיינען מיליאָנען מענטשן געווען עדות.

לויט דער מסקנה — ווייל מיר שטעלן אַזוי גרויס וואָס מיר זעען העכער אפילו פון באַשאַף, ליגט אַ חוב מיר זאָלן מקיים זיין דעם והגדת לבנך — נישט נאָר דערציילן די נסים פון יציאת מצרים, וואָס זיינען אַזוי אַלט, נאָר אויך דערציילן די נסים פון היינט — בזמן הזה. די נסים פון מדינת ישראל דאַרפן שטיין אַ סך העכער ווי יציאת מצרים. ווי רבי יהודה הלוי דריקט זיך אויס, ווייל מיר זיינען דער דור פון די היינטיקע נסים.

ווען דער תם פרעגט: מה זאת? און דער שאינו יודע לשאול, וואָס דער געבאָט

איז: אתה פתח לו (איך לאָז אויס דעם הכם און דעם רשע, זיי זיינען צו קלוג). דאַן ליגט אַ חוב מיר זאָלן זיי דערציילן פון די לעצטע נסים אויך. דאָס וועלן זיי גיכער באַנעמען. דערציילט זיי די נסים פון תש״ח, תשט״ז, און תשכ״ז. אויך נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם חורבן אייראָפע פון אונדזערע זעקס מיליאָן. דאָס איז פאַסיק צו זאָגן צוזאַמען מיטן „שפוך חמתך.“

דאָס וועט אויך דינען ווי אַן אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די דאָזיקע תפילה איז פאַרפאַסט געוואָרן פון דעם שרייבער ישראל גאָלדבערג „רופוס לאַרסי.“ איך גיב דאָ די תפילה אין העברעיש און אין אַ פרייער יידישער איבערזעצונג:

„בליל שמורים זה נעלה בדחילו ורחימו את זכר ששת מיליוני אחינו בגולת אירופה, אשר נספו בידי עריץ ומזיד אשר הרע לעמנו שבעתים מפרעה.

„וזה דבר העריץ לשליחי מזימתו:

„לכו ונכחידם מגוי ולא יזכר שם ישראל עוד. ויהרגו תמימים וטהורים, אנשים, נשים וטף, באדי־רעל ובמשרפות כבשן. ולא נרבה לספר ברוע מעלליהם פן נחלל את צלם אלהים אשר בו נברא האדם.

„ופליטת עמנו בגיטאות ובמחנות ההשמד מסרו נפשם על קידוש־השם, ורבים מהם לבשו רוח גבורה ויתקוממו נגד הרשעים ויפלו בהם חללים. ובליל המתקדש חג הפסח קמו שרידי הגיטו בוורשה וילחמו עם הטמאים כיהודה המכבי בשעתו. הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו ואת כבוד ישראל על נס הרימו.

„וממעקים פתחו הקדושים את פיהם בשירת 'אני מאמין בביאת המשיח!'“

„אין דער דאָזיקער נאַכט פון פסח דערמאָנען מיר מיט פאָרכטיקייט דעם אָנדענק פון די זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער אין אייראָפע, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם טיראַן און בייזוויליקן אַכזר, וואָס האָט געטאָן שלעכטס צו אונדזער פאָלק זיבן מאָל מער פון פרעהן. און דאָס איז וואָס דער טיראַן האָט געזאָגט צו זיינע שליחים ווי אַזוי צו פאַרניכטן אונדזער פאָלק: גייט און פאַרניכטעט דאָס פאָלק און עס זאָל מער נישט בלייבן קיין זכר פון זייער נאָמען. און זיי האָבן געהרגעט ריינע און הייליקע מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, אין די גאַזקאַמערן און קאַלך־אויוונס, און מיר ווילן ניט פיל דערציילן וועגן דאָס שלעכטס וואָס זיי האָבן געטאָן, כדי מיר זאָלן נישט פאַרשוועכן דעם צלם אלוקים, וואָס מיט אים איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן.

„און די איבערגעבליבענע אין די געטאָס און אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויף קידוש־השם, און אַ סך פון זיי זיינען באַהויכט געוואָרן מיט אַ גייסט פון גבורה, און זיי האָבן געמאַכט אויפשטאַנדן קעגן די רשעים און אַ סך פון זיי אומגעבראַכט: און אין דער נאַכט פון פסח האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד די איבערגעבליבענע אין וואַרשעווער געטאָ, און זיי האָבן געקעמפט קעגן די רשעים, ווי יהודה המכבי אין זיין צייט: און די באַליבטע און געליבטע אין זייער לעבן האָבן זיך אין זייער טויט נישט צעשיידט, און דעם כבוד פון די יידן האָבן זיי דערהויבן.

„איצט לאָמיר אַלע צוזאַמען זינגען א נ י  מ א מ י ן, וואָס די יידן האָבן געזונגען אין די טויט־לאַגערן.“

איך גלייב, אַז דערמאָנענדיק די היינטיקע נסים און אויך דערמאָנענדיק די קדושים וועלן מיר מיט אַ ריינעם געוויסן קענען אויסזינגען דעם —

ח ס ל  ס ד ו ר  פ ס ח  כ ה ל כ ת ו.



זלמן זילבערצווייג

# די יידישע טעאַטער־קריטיקערס אין אַמעריקע

(דריטער אַרטיקל)

## ש. יאַנאָווסקי

געווען אַ צייט ווען די „פרייע אַרבעטער שטימע“, הגם אַן אָפיציעלער אָרגאַן פון די יידישע אַנאַרכיסטן, האָט געשפילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער קונסט. בלעטערט מען די אַלטע נומערן פון דער וואָכנשריפט (דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען פינקטלעך יעדע וואָך, אַ מאָל ביז 16 זייטן), קען מען דאָרט געפינען אַ גרויסן טייל נעמען פון יידישע שרייבערס, וואָס זיינען שפעטער געוואָרן פון די פאָפולערסטע און אָנגעזעענסטע. די טויערן (פיגוראַטיוו אויסגעדריקט) פון דעם וואָכנבלאַט זיינען געווען אָפן פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט דעביוטירט צום ערשטן מאָל מיט אַ ליד, אַ דערציילונג אָדער אַן עסיי, אויב... עס איז נאָר געפעלן דעם רעדאַקטאָר ש. יאַנאָווסקי, דאָס קליינע יידל מיט דעם שפיציקן בערדל מיט די שטעכעדיקע אייגעלעך און מיט דער נאָך מער שטעכעדיקער פעדער. איז אַזאַ איינעמס שרייבן אים געפעלן, האָט ער ניט געזוכט פאַר אים קיין יחוס־בוים, נאָר אָפגעדרוקט זיין שאַפונג. טאָמער אָבער איז עס אים ניט געפעלן, איז דער שרייבער אויך דערמאָנט געוואָרן, אָבער ניט אין דעם סאַמע ליטעראַרישן טייל, נאָר אין דעם „בריוקאַסטן“ פון רעדאַקטאָר. דאָרט איז דער אָפזאָג באַגלייט געוואָרן מיט אַ שטאַרקע באַמערקונג, טייל מאָל גאָר שאַרף און אפילו גיפטיק. מער ווי איין יידישער שפעטערדיקער שריפטשטעלער אָדער זשורנאַליסט איז דורכגעגאַנגען אָט דעם גיהנום און מען האָט געדאַרפט האָבן אַ אַ גוואַלדיקע עקשנות און גלויבן ניט צו פאַרלירן דעם מוט און ווייטער שרייבן.

זיינען אָבער די, וועלכע האָבן אויסגעקליבן שרייבעריי פאַר זייער פאַך אָדער פרובירט עס צו טאָן, ניט מיד געוואָרן און פאַרוואָרפן דעם רעדאַקטאָר מיט זייערע שאַפונגען, און ווער עס איז ניט געווען בכוח צו שאַפן אָריגינעלעס, האָט איבערזעצט לידער, דערציילונגען אָדער איינאַקטערס און גאַנצע פיעסן, און אויך אויף דעם געביט האָט די „פרייע אַרבעטער שטימע“ געשפילט גאָר אַ וויכטיקע ראָלע. אָן אַ שיעור גרעסערע און קלענערע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור זיינען דאָרט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן אויסגעברייטערט דעם וועלט־האָריזאָנט פאַר די לייענערס און גלייכצייטיק אַנטוויקלט און פאַרטיפט דעם אוצר פון דער יידישער שפראַך כדי צו קאָנען דעקן די פראַזעאָלאָגיע און די באַגריפן פון דעם איבערגעזעצטן מאַטעריאַל..

אָבער דערמיט אַליין האָט זיך דער רעדאַקטאָר ש. יאַנאָווסקי ניט באַגנוגנט. ער האָט אויך „אויסגעשטרעקט זיין האַנט“ אויף קריטיק, און קריטיק אויף ביידע געביטן — אויף ליטעראַטור און טעאַטער. פאַקטיש האָט יאַנאָווסקי ניט שטודירט די דאָזיקע געביטן, אָבער האָט באַזעסן אַן אינסטינקטיווע קענטשאַפט אין קונסט און זייענדיק בטבע אַן אויפריכטיקער און מוטיקער קעמפער, האָט ער זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון זאָגן מבינות, און, ווי זיין כאַראַקטער, אויף גאָר אַ שאַרפן אופן, וועגן די דאָזיקע צוויי געביטן. זיכער האָט ער מער ווי איין מאָל געבלאָנדזשעט און מער ווי איין יידישער שריפטשטעלער, וועלכער איז שפעטער עולה לגדולה געווען, האָט באַקומען פון אים אַן אָנזאָג און אַ וואָרנונג, אַז ער זאָל אַוועקוואַרפן די פען, ווייל ווי פריש זי איז, איז זי פאַרראָסט און ניט ער און ניט זיינע לייענער וועלן פון איר נחת האָבן. די זעלבע שאַרפקייט און דרייסטע מאַנונגען האָט ער אויך אַרויסגעוויזן אין זיינע קריטיקס איבערן יידישן טעאַטער און על פי רוב וועגן יידישן קונסט־טעאַטער, וואָס האָט דעמאָלט געשטעלט זיינע ערשטע טריט.

ער פלעגט זיינע קריטיקס ניט אונטערשרייבן מיט זיין נאָמען און אפילו ניט מיט די איניציאַלן פון זיין נאָמען, נאָר גאָר „ד. ב.“ אַקטיאָרן פלעגן זאָגן, אַז דאָס מיינט „דער בייזער,“ און בייז איז ער

געווען ווען אַ זאַך צי אין דער ליטעראַטור אָדער אויף דער בינע איז אים ניט געפעלן.

אָט ווי ער רייסט אַראָפּ די אויפפירונג פון בערנאַרד שאָוס „פרוי וואָרענס פּראָפעסיע" אין „יידישן קונסט־טעאַטער". (דרך אגב האָט ער אויך געמאַכט אַן איבערזעצונג פון דער פּיעסע און ער האָט זי געדרוקט אין זיין וואָכנבלאַט, און עס איז אַ סברה, אַז געשפּילט האָט מען טאַקע זיין איבערזעצונג, נאָר זיך דערלויבט צו מאַכן די ענדערונגען וועלכע זיינען אים געווען אַזוי ווידער־וויליק):

„...איז אָבער דאָס וויכטיקסטע אין שאָוס פּיעסע, דאָס עברי־זאָגן, געווען פאַר אונדז אַ היפּשע אַנטוישונג. הונדערטער בריליאַנטענע שטעלן אין דער פּיעסע זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, ווייל משונה־דיק ווי עס קאָן אויסזען, די מענעדזשמענט האָט זיך דערלויבט צו רעטושירן בערנאַרד שאָו און האָט אים פּשוט געקירצט, און דערצו נאָך איז די איבערזעצונג אַליין, באַזונדערס אין דעם גאַנצן ערשטן אַקט, אַ שרעקלעך פאַרקריפּלטע, אַזוי דאָס זי קלינגט זייער ענלעך צו דער טעאַטער־עברי מיט וועלכער מיר זיינען אַזוי באַקאַנט... גיכער פילן מיר זיך ווי צו בייזערן. ממה נפשך, ווילט איר איין מאָל אַ וואָך שפּילן אַ גוטע פּיעסע, טאָ טוט עס געוויסנהאַפט און זעט צו באַפרידיקן דעם קונסט־געשמאַק פון דעם סאַמע בעסטן טעאַטער־גייער. קאָנט איר אָבער ניט אָדער איר ווילט ניט כאָטש איין מאָל אַ וואָך זיך באַפרייען פון אַלע אייערע אָנגענומענע טעאַטער־קונצן, איז אומזיסט אייער מי מיט דער אויפפירונג פון אַזעלכע פּיעסן ווי שאָוס. איר וועט דערמיט פאַרטרייבן ביידע עלעמענטן, סיי די וועלכע גייען זען די קוני־לעמל־פּיעסן, ווייל זיי וועט אַ פאַרקריפּלטע שאָו־פּיעסע ניט געפעלן, און נאָך וויניקער וועט איר אויסנעמען ביי די, וועלכע זיינען מבינים אויף עפּעס רעכטס."

פון אָט דער קריטיק זעען מיר, אַז יאַנאָווסקי האָט געלייגט מער געוויכט אויף דער פּיעסע ווי אויפן שפּילן. עפּעס ענלעכעס קאָנען מיר זען פון זיין קריטיק אויף דוד פּינסקיס פּיעסע „קרומע וועגן פון ליבע," ווו ער שרייבט:

„עס וואָלט געווען אַ ליגן ווען מיר וואָלטן געזאָגט, אַז מיר האָבן געהאַט אירגענד פאַרגעניגן... ווען פּינסקיס נייע דראַמע איז צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן. מיר גייען נאָך ווייטער און באַהויפּטן, אַז מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן אַז אירגענד ווער פון די אַנוועזנדע זאָל האָבן אַנדערש געפילט ווי מיר, און מיר וועלן גיין נאָך ווייטער און באַהויפּטן, אַז די אַקטיאָרן אַליין האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין פאַרגעניגן אין דער אויספירונג פון זייערע ראָלן, און זיי, אפשר מער פון אונדז אַלע זיינען אמתע מאַרטירער. געוויס האָבן זיי אפשר געהאַט דעם פאַרגעניגן פון גלויבן דאָס זיי זיינען מאַרטירער פאַר אַ הייליקע זאַך, לשם די ריינע, הייליקע קונסט. גליקלעכע מענטשן, אויב זיי קאָנען זיך דאָס איינריידן, אָבער מיר מוזן זיי זאָגן, אַז זייער מאַטירערשאַפט איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע. ניט פאַר קונסט האָבן זיי זיך געקרימט און געליאַרעמט, געהאַווקעט(!) און געוואָיעט[!] קונסט פאָדערט ניט אַזאַ שרעקלעכן אָפּער, אַז דער מענטש זאָל ווערן אויס מענטש. דאָס פאָדערט נאָר דעם סאַמע היפּך פון קונסט, דאָס וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען שונד. איז עס אָבער שונד? מיר ווייסן ניט ווי דאָס אָנצורופן. אונדזער שונד פאַרשטייט מען עטוואָס, וואָס איז פאַלש, איז קאַריקאַטור־מעסיק, אָבער בשום אופן ניט לאַנגווייליק. פּינסקיס דראַמע איז אָבער אויך שרעקלעך אומדערטרעגלעך לאַנגווייליק.

„... מיר האָבן ניט געפונען קיין אַנדער וואָרט פאַר דעם ווי פּשוט 'מאַכערייקע.' אין וועלכער עס איז בולט אַן אומגעהייערע פּרעטענזיע, אָבער אַ שרעקלעכע, אַן אויגן־אויסשטעכנדיקע אימפּאָטענץ. עס איז ווירקלעך אַ גרויסער רחמנות אויפן עולם, און אפשר נאָך אַ גרעסערער רחמנות אויף די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך געפּלאָגט און געמוטשעט עפּעס אַרויסצוברענגען און נאַטירלעך אָן דעם מינדסטן דערפאָלג. קיין איינציקער אַקטיאָר, קיין איינציקע אַקטריסע, האָט ניט געהאַט וואָס צו שפּילן, האָבן ניט געהאַט קיין איינציקן וואָרט, וואָס זיי זאָלן קאָנען אַרויסברענגען לייכט און נאַטירלעך, און וואָס זאָל קאָנען אַרויסרופן דעם מינדסטן געדאַנק אָדער בילד ביי דעם צושויער."



יאַנאָווסקי האָט געקוקט אויף דער בינע ניט ווי אויף אַ זעלבסטשטענדיקן אינסטרומענט פאַר וועמען די פּיעסע, דאָס אָנגעשריבענע ווערק פון מחבר, איז נאָר אַ טייל, הגם אַ באַטייטנדער, פון אַן אויפפירונג, נאָר פאַר אים איז אין דער ערשטער ריי געשטאַנען דאָס ליטעראַרישע ווערק; דער אינהאַלט, דער טעקסט. דאָ איז געקומען צום אויסדרוק דער ליטעראַרישער קריטיקער יאַנאָווסקי, וועלכער האָט געמאָסטן ליטעראַרישע ווערק מיט זיין מאָס און דעם זעלבן אופן אויף וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג און מבינות אויף די געדרוקטע ביכער אָדער אויף דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין וואָכנבלאַט, האָט ער אויך אָנגעוואַנדן בנוגע אויפגעפירטע פּיעסן. אַ סך מילדער איז ער געווען בנוגע די אַקטיאָרן. כמעט אין יעדער קריטיק, אין יעדער רעצענזיע האָט ער זיך צו זיי באַצויגן מיט לייטזעליקייט און זיין האַרטקייט און שאַרפקייט איז דאָ געווען שטאַרק אָפּגעשליפן. אַ פּנים, אַז ער האָט זיך אַליין ניט געהאַלטן פאַר קיין ספּעציאַליסט אויף טעאַטער־שפּיל.

## וויליאַם עדלין

אין זיין ביאָגראַפיע ווערט נאָר אָנגעגעבן, אַז ער האָט שטודירט אין קאַליפאָרניער ס.טענפאָרד אוניווערסיטעט אָבער וואָס ער האָט דאָרט שטודירט ווערט ניט געזאָגט. עס איז דעריבער ניט קלאָר צי ער האָט באַקומען אַ מוזיקאַלישע אויסבילדונג, אָבער אַ פאַקט איז, אַז ער איז געווען דער ערשטער יידישער טעאַטער־קריטיקער, וואָס האָט באַנוצט די מוזיקאַלישע טערמינאָלאָגיע אין זיין באַהאַנדלען אַ זינגער אָדער אַ קאָמפּאָזיציע פון יידישן טעאַטער. ביז צו עדלינען האָט מען וועגן אויפפירונגען אין יידישן טעאַטער, וואָס זיינע על פּי רוב געווען פון מוזיקאַלישן כאַראַקטער, זיך באַנוצט מיט די סטערעאָטיפּישע אויסדרוקן: „ער האָט גאַנץ פיין געזונגען", „זי איז געווען ביי דער שטימע", „די מוזיק איז געווען זייער פיין", „די לידער האָבן שיין געקלונגען" און ענלעכע אַלגעמיינע אָפּגעריבענע באַצייכענונגען. וויליאַם עדלין, וועלכער האָט נאָך אָנגעהויבן ווי אַ צייטונגס־מענטש אין אַמעריקע אין סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט און פלעגט מאַרשירן פון איין צייטונג צו דער אַנדערער, האָט אין 1904 איינגעפירט אין דעם דעמלטיקן „מאָרגן־זשורנאַל" יעדן מאָנטיק אַן אָפּטיילונג „אין דער וועלט פון דראַמע און מוזיק," ווו ער פלעגט פאַרעפנטלעכן אַן אַרטיקל מיט נייעס און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער. שפּעטער, ווען ער איז אַריבער אין „טאָג", האָט ער דאָרט רעדאַקטירט אַ ספּעציעלע טעאַטער־זייט און אויך געשריבן רעצענזיעס און קריטיק וועגן יידישן טעאַטער.

בטבע אַ גוטהאַרציקער, אַן איידעלער, האָט ער זיך אויך דזשענטלמעניש באַצויגן אין זיין קריטיק סיי צו די מחברים און סיי צו די אַקטיאָרן. אפילו אַ קריטישע מיינונג פלעגט ער פאַרזיסן ווי מען גיט אַן אָפּפיר־מיטל פאַרמישט מיט שאָקאָלאַד. ער האָט קיין מאָל ניט אַטאַקירט קיין טעאַטער־פאָרשטעלונג, נאָר געפּרוּווט געפינען אַ זכות. ער האָט אָבער אויך ניט פאַרבאַהאַלטן, פאַרשטעקט קיין חסרונות. און הגם ער האָט געהאַט גרויס הנאה פון אַ דראַמאַטישער אויפפירונג, האָט ער אָבער ניט ווייניקער צייט און פּלאַץ אָפּגעגעבן דער יידישער מעלאָדראַמע און באַזונדערס דער אָפּערעטע אָדער דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע. מען קאָן זאָגן, אַז ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער קאַריערע פון די יידישע טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרן: יוסף רומשינסקי, פּרץ סאַנדלער, שלום סעקונדאַ, אַלעקסאַנדער אָלשאַנעצקי און אייב עלשטיין, וועלכע זיינען געקומען צום יידישן טעאַטער מיט מער אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס ווי די נעסטאָרן פון יידישן מוזיקאַלישן טעאַטער נאָך גאָלדפאַדענען, ווי גבריאל פּינקעלשטיין, פּראָפ. באַלאַבאַן, אַווראַמאָוויטש, לואיס פרידזעל, ברודיע, פּערלמוטער און וואָהל.

ער האָט צעגלידערט זייערע קאָמפּאָזיציעס, באַנוצנדיק דערביי פאַכמענישע, פּראָפעסיאָנעלע טערמינאָלאָגיע און אויסדרוקן. ער האָט אַנאַליזירט דאָס זינגען פון אַ שוישפּילער אָדער שוישפּילערין און אפילו אָפּגעשטעלט זיך אויף די כאָר־געזאַנגען און דאָס שפּילן פון אָרקעסטערס.

**חיים לייב פוקס** / ניו־יאָרק

## צוויי לידער

### א.
### אין טונקעלן קאָנצערט־זאַל

**אַ גאָלד־רויטער קאָפּ, ווי אַ זוניקער פלאַם,**
**געפלאַטערט, געשוועבט אויף די פליגל פון ניגון.**
**דיין פּנים — איין־איינציק, צווישן פּנימער־ים,**
**דורכן טונקעלן זאַל צו מיר טוט זיך וויגן.**

ווי ס׳וואָלט מיך אַ חלום געוויגט אין אַ וויג,
וואָס שוועבט אין דער לופטן — מיר ביידע אין מיטן,
דאָס ליכט פון דיין פּנים, באַזונט פונעם גליק,
ווי אַ זייגלינג איך טרינק אין מיינע ערשטע מינוטן.

ווי אין ערשטע מינוטן, אין אָרעמס פון וועלט,
עס שיינט אין מיין לעבן, דיין ליכטיקער פּנים.
דורכן טונקעלן זאַל האָט דיין ליבשאַפט געהעלט ———
צי זאָל איך באַגיין זיך אָן אים ?

### ב.
### איך בין נאָך פול מיט זון...

איך בין נאָך פול מיט זון,
און קען נאָך ליבן.
מיינע ליפּן בענקען נאָך
צום ווייך פון פרויען־ליפּן.

מיינע ברוינע אויגנס — ברען,
פלאַמען נאָך מיט פייער.
און דער חן פון שיינע פיס
איז נאָך אַלץ מיר טייער...

קליינע, צאַרטע פרויען־הענט,
געשניצטע, לאַנגע פינגער.
אויף מיין האַרץ, ווי אויף קלאַווישן,
שפּילן שטיל. ווערט מיר גרינגער—

פון דעם פּיין וואָס פרעסט מיך אויף
אַלע מיינע שעה׳ען —
צו פרויען־בליק, ווי צו זון, אַרויף —
פאַרשענק איך לעצטע דאָ׳ען...

---

אויף אַזאַ אופן האָט ער באַרייכערט דאָס מוזיקאַלישע וויסן פון די לייענערס און טעאַטער־באַזוכערס, וועלכע ער האָט נאָך פריער געדינט מיט זיין בוך: ״וועלט־באַרימטע אָפּערעס״ (ניו־יאָרק, 1907) אין וועלכן ער גיט איבער די סוזשעטן פון די פּאָפּולערסטע אייראָפּעישע אָפּערעס צוזאַמען מיט אַ קריטישער אָפּשאַצונג און מיט אַן אַריינפיר פון מוזיק און אָפּערע בכלל.

**אויף דעם געביט פון מוזיקאַלישער** קריטיק איבערן יידישן טעאַטער איז וויליאַם עדלין געווען אין אַמעריקע אַ בן־יחיד בעת אייראָפּע האָט געהאַט עטלעכע מוזיקאָלאָג, וועלכן האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט יידישער טעאַטער־קריטיק: מנחם קיפּניס, וועלכער איז אויסער שרייבער אַליין געווען אַ זינגער, און פּסח קאַפּלאַן, אַן איבערזעצער פון אָפּערעט און טעקסטן פון אָפּערע־אַריעס.

(קומענדיקער אַרטיקל וועגן
ד״ר. א. מוקדוני)



**ד״ר מנחם נאור**

# תנכישע צייט־באַשטימונגען

(המשך פון ״חשבון״, נומער 62)

## ב. שבועות און מתן תורה
### (תשרי, ניסן, סיון, תמוז, אלול)

שמות לד, 22: ״און דעם יום־טוב פון שבועות זאָלסטו דיר מאַכן, ביי די ערשט־צייטיקע פון ווייצשניט (בכורי קציר חטים).״

דברים טז, 9-10: ״זיבן וואָכן זאָלסטו דיר ציילן, פון ווען מען לאָזט אַראָפּ אַ שנייד־מעסער אויף דער תבואה זאָלסטו אָנהייבן ציילן זיבן וואָכן. און זאָלסט מאַכן דעם יום־טוב שבועות צו ה׳ דיין גאָט...״ און

ויקרא כג, 10-11, 15-16: ״אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד וואָס איך גיב אייך, און איר וועט שניידן איר שניט, זאָלט איר ברענגען אַ גאַרב פון אייער ערשטן שניט צום כהן. און ער זאָל אויפהייבן די גאַרב פאַר גאָט, כדי איר זאָלט באַוויליגט ווערן. אויף מאָרגן נאָך דעם רו־טאָג (יהואָשס הערה: ״אין טעקסט: השבת. לוים דעם טראַדיציאָנעלן אויסטייטש מיינט דאָס דעם ערשטן טאָג פּסח״) זאָל זי דער כהן אויפהייבן.
און איר זאָלט אייך ציילן פון אויף מאָרגן נאָך דעם רו־טאָג, פון דעם טאָג וואָס איר ברענגט די גאַרב פון אויפהייבונג: זיבן גאַנצע וואָכן זאָלן עס זיין. ביז אויף מאָרגן נאָך דער זיבעטער וואָך זאָלט איר אָפּציילן פופציק טעג, און ברענגען אַ שפּייז־אָפּער פון דער נייער תבואה צו גאָט.״

דאָס הייסט, אַז שבועות איז דער איינציקער יום־טוב פאַר וועלכן די תורה גיט ניט קיין באַשטימטן טאָג פונעם יאָר. ״פון ווען מען לאָזט אַראָפּ אַ שניידמעסער אויף דער תבואה״ הייבט מען אָן צו ציילן זיבן וואָכן פון דעם טאָג נאָך שבת, און דער פופציקסטער טאָג, תמיד אַ זונטאָג, וועט זיין שבועות. געמיינט איז אָבער באַשטימט פּסח־צייט, מחמת קעגן פּסח הייבט זיך אָן דער שניט אין ארץ־ישראל.

אָבער, נאַטירלעך, איז דער אָנהייב פון שניט אָפּהענגיק פון דעם וועטער־אויסשטעל, פון רעגן, און נאָך אַזוינע באַדינגונגען — אַזוי אַז דער אָנהייב פון שניט, און דער טאָג פון ברענגען די גאַרב (עמר) און דער זונטאָג נאָך זיבן וואָכן, וועלן זיך וואַקלען אין אַ המשך פון 2-3 וואָכן.

אָבער אַ יום־טוב וואָס איז ניט באַשטימט לויטן לוח, נייערט איז אָפּהענגיק לויטן קלימאַט פונעם יאָר, איז דאָך גוט נאָר פאַר ארץ־ישראל, און ניט פאַר די אַנדערע לענדער ווו יידן האָבן שוין געלעבט בעת דער צייט פונעם צווייטן בית־המקדש. ווילנדיק צו דערהאַלטן די אַחדות פונעם יידישן פאָלק, האָבן די רעליגיע־אָנפירערס פונעם יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, די פּרושים, געטייטשט ״השבת״— (אין ויקרא כג, 11, 15-16) ״רו־טאָג״ (זע יהואָש באַמערקונג צו דעם דאָזיקן פּסוק אויבן) און זיי האָבן באַשטימט אַז מיט דעם איז געמיינט דער ערשטער טאָג פון פּסח הייבט מען אָן, בכן, צו ציילן דעם עומר פונעם צווייטן טאָג פּסח, און דער פופציקסטער טאָג, ו׳ סיון, ווערט שבועות.

באמת, האָבן זיי אויך געקאָנט באַשטימען אַן אַנדער טאָג, אפשר טאַקע אַ שבת, אָבער נאָך דער תורה קען מען אויסרעכענען אַז דער זעקסטער טאָג פון סיון איז דער טאָג פון מתן־תורה, האָבן זיי, בכן, קאָמבינירט שבועות מיט מתן־תורה, אַזוי ווי זיי האָבן קאָמבינירט תשעה בתמוז מיט שבעה עשר בתמוז, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעמערקט. דער ויכוח צווישן די צדוקים און פּרושים אין דעם פּרט איז גוט באַקאַנט, וועלן מיר אים דאָ ניט באַהאַנדלען.

ווי אַזוי ווערט אָבער באַשטימט דער טאָג פון מתן־תורה? וועלן מיר ציטירן:

שמות יט, 1: „אין דריטן חודש נאָכן אַרויסגיין פון די קינדער פון ישראל פון לאַנד מצרים, אין דעם דאָזיקן טאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין מדבר סיני.“ וואָס הייסט „אין דעם דאָזיקן טאָג“?

אין וועלכן טאָג? שוין ווידער האָט יהואָש פאַלש איבערזעצט „בחדש“, אָבער די נייע תורה־איבערזעצונג פון דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי“ האָט עס שוין יאָר ריכטיק איבערזעצט:

On the third new moon

זיינען זיי, בכן, אָנגעקומען ראש־חודש סיון, און אַזוי זאָגן אויך רש״י און אַנדערע מפרשים.

„און משה איז אַרויפגעגאַנגען“ (פסוק 3) דעם צווייטן טאָג, „און משה האָט צוריקגעבראַכט די ווערטער פון פאָלק צו גאָט“ (8) דעם דריטן טאָג, „און משה האָט דערציילט די ווערטער פון פאָלק צו גאָט“ (9) דעם פירטן טאָג. „און גאָט האָט געזאָגט משהן: גיי צום פאָלק, און זאָלסט זיי הייליקן היינט און מאָרגן (דער פירטער און פינפטער טאָג), און זיי זאָלן וואַשן זייערע קליידער, און זיי זאָלן זיין אָנגעברייט אויפן דריטן טאָג (דער זעקסטער טאָג), וואָרום אויפן דריטן טאָג וועט גאָט אַראָפּנידערן פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק אויפן באַרג סיני“ (10-11).

דער דאָזיקער חשבון איז פון רש״י, און דערביי איז רש״י אויך גאָר ניט זיכער. אַנדערע מפרשים געפינען דאָ נאָר פינף טעג און זאָגן „שהוסיף משה יום אחד מדעתו“ (משה האָט צוגעגעבן איין טאָג נאָך זיין אייגענעם פאַרשטאַנד). זע אבן־עזרא און פירוש על אבן־עזרא צו שמות יט, 15. זיי האָבן געוואָלט דאָ געפינען דעם זעקסטן סיון, ווייל דאָס קען זיין איז דער פופציקסטער טאָג נאָך דעם ערשטן טאָג פסח, און נאָר אַזוי האָבן זיי קאָמבינירט שבועות מיט מתן־תורה, ווי פריער דערמאָנט.

ו׳ סיון איז בכן דער יום מתן־תורה, יום הקהל (טאָג פון דער איינזאַמלונג — דברים ט׳, 10), ווען מיר האָבן געהערט די עשרת הדיברות (די צען געבאָט), אָבער ווען האָבן מיר באַקומען די צוויי לוחות הברית? — וועלן מיר ציטירן:

שמות כד, 16-18: „און די פראַכט פון גאָט האָט גערוט אויפן באַרג סיני, און דער וואָלקן האָט אים איינגעדעקט זעקס טעג. און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערופן צו משהן פון וואָלקן... און משה איז אַריינגעגאַנגען אין מיטן וואָלקן, און איז אַרויף אויפן באַרג. און משה איז געווען אויפן באַרג פערציק טעג און פערציק נעכט.“

שמות לא, 18: „און ער האָט געגעבן משהן, ווי ער האָט געענדיקט ריידן מיט אים אויפן באַרג סיני, די צוויי לוחות פון געזעץ, שטיינערנע לוחות, געשריבן מיט דעם פינגער פון גאָט.“

שמות לב, 15-19: „און משה האָט זיך אומגעקערט, און האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג, מיט די צוויי לוחות פון געזעץ אין זיין האַנט... און עס איז געווען ווי ער האָט גענענט צום לאַגער, און האָט געזען דאָס קאַלב און די טענץ, אַזוי האָט געגרימט דער צאָרן פון משהן, און ער האָט אַ וואָרף געטאָן פון זיינע הענט די לוחות, און האָט זיי צעבראָכן אונטערן באַרג.“

שמות לב, 30-31: „און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט משה געזאָגט צום פאָלק: איר האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד, און אַצינד וועל איך אַרויפגיין צו גאָט, אפשר וועל איך מכפר זיין אויף אייער זינד. האָט משה זיך אומגעקערט צו גאָט...“

דברים ט, 18, 26: „און איך האָב מיך אַנידערגעוואָרפן פאַר גאָט, אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, פערציק טעג און פערציק נעכט. קיין ברויט האָב איך ניט געגעסן און קיין וואַסער האָב איך ניט געטרונקען, איבער אַלע אייערע זינד וואָס איר האָט געזינדיקט... און איך האָב מתפלל געווען צו גאָט און האָב געזאָגט: גאָט דו האַר, זאָלסט ניט אומברענגען דיין פאָלק און דיין אַרב...“

שמות לד, 1-2, 28-29: „און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: האַק דיר אויס צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע, און איך וועל אויפשרייבן אויף די לוחות די ווערטער וואָס זיינען געווען אויף די ערשטע לוחות, וואָס דו האָסט צעבראָכן. און זיי אָנגעברייט אין דער פרי, און גיי אַרויף אין דער פרי אויפן באַרג סיני...

„אויך ער איז דאָרטן געווען מיט גאָט פערציק טעג און פערציק נעכט, קיין ברויט האָט ער ניט געגעסן און קיין וואַסער האָט ער ניט געטרונקען, און ער האָט אויפגעשריבן אויף די לוחות די ווערטער פון דעם בונד, די צען געבאָט.

„און עס איז געווען, אַז משה האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג סיני — און די צוויי לוחות פון געזעץ זיינען געווען אין משהס האַנט, ווען ער האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג — האָט משה ניט געוווסט, אַז די הויט פון זיין פנים האָט געשטראַלט פון זיין ריידן מיט אים.“

דאָס הייסט: משה איז אַרויפגעגאַנגען דעם זיבעטן סיון, נאָך מתן־תורה, און איז אַראָפּגעגאַנגען 40 טעג שפּעטער, דעם 17טן תמוז, און האָט צעבראָכן די לוחות, אַז די משנה ציילט אויס די געשעענישן וואָס האָבן גורם געווען דעם תענית פון שבעה עשר בתמוז, ברענגט זי צום ערשטן דאָס צעברעכן פון די לוחות, און ערשט דערנאָך די ידיעה אַז אין דעם טאָג איז איינגעבראָכן געוואָרן די מויער פון ירו־שלים. מיר האָבן שוין פאַרהאַנדלט די פראַגע, ווען די מויער פון ירושלים איז איינגעבראָכן געוואָרן בעת דעם חורבן פון בית ראשון, מיט דעם תענית פון שבעה־עשר בתמוז, דעם טאָג פון איינברעכן פון דער מויער ביים חורבן פון בית שני, ווי די גמרא זאָגט, אָבער באמת דעם טאָג ווען



די לוחות־הברית זיינען צעבראָכן געוואָרן.

אויף מאָרגן, דעם 18טן טאָג אין תמוז, איז משה ווידער אַרויפגעגאַנגען (שמות לב, 30-31) צו גאָט און האָט פאַר אים מתפלל געווען פערציק טעג און פערציק נעכט (דברים ט, 18), ביז צום לעצטן טאָג פון חודש אב. דעם טאָג, זאָגט דער מדרש, האָט גאָט צו אים געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט אים געזאָגט נאָך דער מעשה מיט די מרגלים (במדבר יד, 20): „האָט גאָט געזאָגט: איך האָב פאַרגעבן, אַזוי ווי דיין וואָרט.“ עס איז וויכטיק צו געדענקען דעם עברית טעקסט: „ויאמר ה׳ סלחתי כדבריך.“ ווייל אַזוי ווי דאָס איז געווען אין דעם לעצטן טאָג פון אב, און אויף מאָרגן (שמות לד, 1-2), דאָס הייסט: ראש חודש אלול, וועלן זיך אָנהייבן די דריטע פערציק טעג (דאָרט 28), די פער־ציק טעג פון רצון, דערפאַר הייבט מען אָן ראש־חודש אלול צו זאָגן סליחות.

גייט בכן משה אַרויף אויפן באַרג סיני צום דריטן מאָל אין ראש־חודש אלול, בלייבט דאָרט ווידער פערציק טעג, און קומט, נאַטירלעך, אַראָפּ דעם צענטן תשרי און דאָס איז יום־כיפור! „לא היו ימים טובים לישראל כיום הכפורים...“ זאָגט די משנה (ס׳זיינען ניט געווען אין ישראל אַזויגע ימים טובים ווי יום־כיפור...) און די גמרא דערקלערט, אַז דאָס איז געווען ווייל אין דעם טאָג זיינען געגעבן געוואָרן די צווייטע לוחות (לוחות אחרונים).

אין דעם טאָג פון גרויסער שמחה, ווייל משה האָט אונדז געבראַכט די לוחות, האָט די הויט פון משהס פנים געשטראַלט. דער טאָג האָט זיך פאַרדינט מ׳זאָל אים באַשענקען מיט דעם גרויסן תוכן וואָס יום־כיפור פאַרמאָגט אין היינטיקן יידנטום.

(המשך קומט)

אַבאָנירט און שטיצט
חשבון
אַחוץ ניו־יאָרק —
די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

יצחק קאָלער

# די אייגנאַרטיקייט פון יידישן הומאָר

(צווייטער אַרטיקל *)

## אדם און חוה

אין דער תורה זאָגט אָדם: „לזאת יקרא אשה כי מאיש לקחה זאת" (בראָ' ב, כד). פרעגן יידן: ס'טייטש, היתכן? גאָט האָט אים אַ נאָמען געגעבן אדם, גייט ער אַליין נישט געבעטענער הייט און בעמט זיך דעם חשובן טיטול „איש". געפינען אָבער יידן אויף דעם אַ זכות: אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: ובמקום שאין אנשים השתדל להיות איש", האָט אדם דאָ מקיים געווען אַ מאמר חז"ל.

אָבער אויף גאָר אַן אַנדערן אופן ווערט דער פסוק אויסגענוצט ווי אַן עפיטאַף פאַר אַ מצבה פאַר אַ קריגערישער פרוי:

## מצבת אשת מדנים

תהי זאת לזכרון לעתות הבאות
כי במותה היתה ברוכת טעם;
„לזאת יקרא אשה"—טובה הפעם,
כי מאיש לקחה זאת."

(מרדכי בוים, ילדי שעשועים,
ווין 1855)

דאָס וואָרט „לקחה" קריגט דאָ דעם זין „אַוועקגענומען" אָנשטאָט „אַרויסגענומען", אַזוי אַרום קריגט דער פסוק אַ הומאָריסטישן כאַראַקטער.

גאָט זאָגט אויף אָדמען: „והיה האדם לנפש חיה" (בר' ב, ח), די פראַגע איז נאָר צי האָט גאָט געמיינט אַז אדם באַלאַנגט צו די חיות טורפות?

לויט דער תורה איז חוה באַשאַפן געוואָרן פון אדמס אַ ריפּ (צלע), דאָס וואָרט צלע האָט אָבער אין העברעיש אויך אַ באַדייטונג „הינקען" (צולע). ווּיצלט זיך

נשאל ליצן חריף אחד:
„מה דעתך על מין נחמד?"
השיב הלץ לשאלה

דער הייבט גוט באַקאַנטער העברעישער הומאָריסט, חנניה אחד:

בשחוק מלים קולע:
„מה שנברא מתוך צלע
מוכרח להיות צולע".

(חנניה רייכמן, בדיחות בחרוזים)

דער געדאַנק איז אָבער נישט קיין נייער און געפינט זיך שוין ביי שם־טוב אבן פלקירא (1225-1290):

באשה אַל תהי נפשך בטוחה,
אשר רשת מזורה היא ושוחה,
ואיכה נאמין עוד כי ישרה,
תהי אשה ומצלע לקוחה.

יידן ווערטלען זיך, אַז אָדם און חוה זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן געשפּילט קאָמעדיע איינער פאַרן צווייטן. זיי האָבן זיך פאַרשלייערט מיט אַ פייגנבלאַט און געמאַכט דעם אָנשטעל אַז זיי שעמען זיך. פון קוקווינקל פון לאָגיק איז עס אויסגעהאַלטן, ווייל דער מענטש איז דער איינציקער בחיר היצורים וואָס לאַכט באַלד ביים געבוירן ווערן. קומט ממילא אויס אַז אדם און חוה האָבן אינסטינקטיוו באַזעסן די מידה פון לאַכן, און אַזוי איז עס איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור.

אויף די שוואַכקייט פון ליגן זאָגן געפינען מיר שוין ביי אדם און חוהן און נאָך אַנדערע שוואַכקייטן, ווי גלוסטונג צו פאַרבאָטענער פרוכט וכדומה.

איציק מאַנגער, וועלכער זעט די העלדן פון תנ"ך ווי מענטשן פון דער היינטיקער סביבה, שילדערט אדם און חוה בזה הלשון:

...אדם שמייכלט, נעבן אים
ליגט חוהלע זיין ווייב,
מיט גראָז און בלעטער צוגעדעקט
דאָס יונגע שיינע לייב.

*) זע „חשבון" נומער 62.



ער קוקט אויף איר און קוועלט,
ער קוקט אויף איר און טראַכט:
ס'איז גוט וואָס ליכטיק איז בייטאָג
און פינצטער איז ביינאַכט...

(איציק מאַנגער, מדרש איציק,
אדם איז אייפערזיכטיק)

## קין און הבל

די צוויי נעמען, קין און הבל, פאַרנעמען אַ גאָר חשובן אָרט אין דער תורה. דאָ ווערט דאָך פאַרצייכנט דער ערשטער מאָרד אויף דער וועלט — קין דער מערדער, הבל דער קרבן. האָבן אָבער די צוויי נעמען אויך אַן אַנדערן טייטש: קין מיינט — קנין, און הבל מיינט — נאַרישקייט. דאָס גיט שוין פלאַץ פאַר וויץ און וואָרטשפּיל. גייט טאַקע אַרום אַ יידישער וויץ, אַז הבל איז געווען אַ באַוויבטער און אַ טאַטע פון קינדער און פון דעמאָלט נעמען זיך אַזוי פיל ה ב ל י ם אויף דער וועלט.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז די צווייטייטיקייט פונעם וואָרט ה ב ל ווערט שוין באַנוצט אין אַ שיר פון העברעישן דיכטער פון מיטלאַלטער, משה אבן עזרא (1079-1138):

...הנה אחי קין בהבל בא וכן
הלך, בטרם כל יקום, להבל.
לא זאת מנוחתכם בני אנשים, פנו
קומו, סעו, אחר אחיכם הבל...

אויך דער מחבר פון ספר אבני שוהם, שמואל בן יוסף ן'ששון, באַנוצט זיך מיט דעם צווייערלייאיקן באַדייט פון קין און הבל:

...אתמה איך נהרג הבל
נשאר קין בפני תבל
הפך אראה עתה בזמן
„קין" הולך, נשאר הבל.

(קין מיינט דאָ קנין העולם)

גאָר פיל האָבן אויסגענוצט דעם וואָרטשפּיל די משכילים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר די יידישע וועגווייזערס, וואָס ווילן אַרויסטרייבן דעם פאַנאַטיזם ביי יידן און אָנשטאָט נאַרישקייטן פאַרשפּרייטן צווישן זיי די השכלה „בת השמים":

...הבל הרגתי, על כן אנוד כקין!
אודה על חטאתי, נפשי קובעת,
על חטא שחטאתי בהשכל ודעת...

(אהרן ד. הכהן גאָטלאָבער
כל שירי מהללאל)

אויף אַ צווייטן אָרט שרייבט ער:
...קין הרג את הבל,
והיה נע ונד בארץ;
והבל נע ונד בארץ,
והורג כל מתי תבל...

ביי די משכילים איז הבל געווען אַ שטאַרקער כלי־זין קעגן די „פרומאַקעס" וועמען זיי האָבן באַטראַכט פאַר פינצטערע נשמות, וואָס האָבן שליטה איבער דעם המון עם:

...למה זה תנחמוני הבל, אשר הרגו קין,
זה הרגו קין, שפך דמו ויהי לאַין —
אולם ההבל בו נלחמנו, עודנו חי,
לו תכרע כל ברך, ולו יובילו שי!

(צ"ב זומרהוזן, ילקוט מערבי,
שנה ראשונה)

יידן וואָס באַנוצן זייער אָפט ראשי־תיבות אין שרייבן, באַנוצן זייער אָפט אין שרייבן צו רבנים דאָס אות „ה" איייניקע מאָל. ה'ה'ה'ה'. דאָס באַצייכנט הרב, הגאון, הגדול, החסיד, וכדומה. וויצלען זיך דאַרויף אַנדערע אז אין דער אמתן מיינען די פיר „הא"ען — הבל, הבלים, הכל הבל.

## ל מ ד

גאָר אַ באַזונדערן אָרט אין יידישן פאָלקלאָר און הומאָר פאַרנעמט דער נאָמען „למד". יידן זיינען בטבע אַ פאָלק ביי וועמען דאָס ריינע משפחה־לעבן דריקט זיך אויס אין מאָנאָגאַמיע. ס'איז דאָ אַ ווערטל אַז „ראה חיים עם אשה", באַצייכנט די וויכטיקייט פון דער איין־ווייבערישקייט. ר' יעקב הלוי סאַפּיר, אַליין אַ געבוירענער אין אשמאנא, ווילנער גובערניע, וואָס איז אַוועק קיין צפת אין עלטער פון צען יאָר און איז דורכגעפאָרן דעם מיטעלן מזרח, ווו פאָליגאַמיע איז דער נאַטירלעכער לעבנסשטייגער, שרייבט אַז

פּאָליגאַמיע איז אַ קללה פאַר דעם משפּחה־לעבן.

„וכבר שומה מסורה זו בפי קדמונים: 'ולו שתי נשים, ולו הכין כלי מות', כי לעולם לא ינוח ממרורות ולא ישקוט ממאורות וסוף דבר תכלית שנאה שתיהן ישנאוהו."

ביי די יידן אין אייראָפּע, וווּ עס האָט געגאָלטן דער חרם דרבנו גרשם, איז דער חרם שטאַרק אָפּגעהיטן געוואָרן. דערפאַר קאָנען מיר פאַרשטיין די רעאַגירונג אויף דעם ערשטן פּאָליגאַמיסט, וועלכער האָט געהאַט די וואַגעניש און העזה צו נעמען זיך צוויי ווייבער: עדה און צילה.

די תורה האָט וועגן אים קיין איין שלעכט וואָרט נישט צו זאָגן אַחוץ אַז ער איז געווען אַביסל איבּערזיכטיק און איז געווען שטרענג צו זיינע צוויי ווייבער. זיינע קינדער זיינען געווען די ערשטע דערפינדער פון מוזיק־אינסטרומענטן, שמידעריי און פּי־צוכט. אָבער ביים יידישן פאָלק איז דער נאָמען למך פאַרבונדן מיט יעדן לאַ־יוצלח, וואָס איז נישט פעאיק צו פאַרבינדן ביי דער קאַץ דעם וויידל. עס קאָן גרייללעך זיין, אַז מ'האָט אים אָנגעטאָן די קרוין פון טיפּשות, ווייל דער קלאַנג למך איז ענלעך צו לעקיש, לעמעש־קע, לעמע־לע, אפשר אויך גע־ליים־טער. אָבער דער עיקר האָט מען פאַריבל אויף אים וואָס ער איז געווען דער ערשטער צו ווייזן דעם וועג צו נעמען צוויי ווייבער:

צרה אחת אינה מספקת לפתי—
ויקח לו למך שתי נשים."

(ד"ר י. א. בלוסטון, שירים ומשלים)

... הנה לא מחכמה ישאל השואל:
למה זה אוילים בשם למך נקראים.
הלא לקחת נשים צרות הואיל.
בזאת נדע כי היה אחד הפתאים.

(מרדכי וויסמן חיות, כוכבי יצחק)

דער העברעיש־יידישער שרייבער און קריטיקער, דוד פרישמאַן, וועלכער איז געווען באַשאָנקען מיט אַ חוש פאַר בייסיקן הומאָר, נעמט זיך מכלומרש אָן די קריוודע וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט צו דעם אומשולדיקן מענטשן, וואָס האָט חלילה קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן און איז געוואָרן ללעג ולקלס פאַר קיין שום זינד:

מה דופי בך, למך, בני אדם מצאו
איפה עשות הסכל ריחך הפכת
שמך וזכרך עלי כסיל ופתי יקראו
על אשר ראשון, למך שתי נשים לקחת?

טאַקע אַ גערעכטע טענה. יידן אָבער ווילן זיך אַז די צרה מיט למכן איז געווען וואָס ער האָט נאָר גענומען צוויי ווייבער — אָדער גאָר, אָדער גאָרנישט, אַז מ'עסט שוין חזיר, דאַרף עס רינען איבערן מויל. וואָלט ער געטאָן ווי שלמה דער חכם מכל אדם, וואָלט זיך דאָס גאַנצע רעדל איבערגעדרייט, און זיין נאָמען מיט די זעלבע אותיות וואָלט ער געקאָנט געקרוינט ווערן „מלך".

ס'גילט אויך אַ ווערטל ביי יידן, אַז דריי גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון טיפּשות: „כלם — מכל — למך". אַלע דריי האָבן זיי די זעלבע אותיות מיט די זעלבע נקודות וואָס „מלך", וואָס אַחוץ „קעניג" איז עס אויך אַן עכט יידישער נאָמען. איז דאָס וואָס זיי האַלטן זיך ביי זייערע נעמען און בייטן זיי נישט, איז דאָך אַ סימן מובהק אַז זיי שטאָלצירן גאָר מיט זייער טיפּשות.

## נח און לוט

ביי יידן האָבן די העלדן פון דער תורה געקראָגן פלייש און בלוט און רוח החיים. מען האָט זיך איבער זיי געוויצלט, געשאַפן משלים און ווערטלעך איבער זיי. כמעט אַ גאַנצע הומאָריסטישע ליטעראַטור איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן די צוויי שיכורים — נוח און לוט. דער צוגאַנג צו נוחן איז געווען אַ מער דרך־ארצדיקער ווי צו לוט. יידן האָבן פאַרענטפערט מיט אַ גלייכווערטל, אַז נוח האָט געהאַט דריי זין און ביי אַזעלכע שמחות שיכורט מען, אָבער לוט האָט געהאַט צוויי טעכטער און געדאַרפט זאָרגן פאַר נדנים. בכן, אַזאַ מענטש מוז זיך האַלטן אין דער מעלה.



פרעגן יידן: ווי קומט עס וואָס נוח האָט פאַר זיך אַליין אַ פרשה אין דער תורה? — דאָס איז דערפאַר וואָס ער האָט געפלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן און אַז יידן פלעגן קומען פלעגט ער זיי מכבד זיין מיט אַ גלעזעלע וויין און מ'פלעגט טרינקען לחיים. האָבן יידן דאָס געדענקט און ווען מ'האָט געשריבן די תורה האָט מען אים מזכיר למוטב געווען און אים געגעבן אַ פרשה, אַזאַ זכות וואָס אפילו די אָבות האָבן עס נישט.

אלה תולודות נוח,
פון בראָנפן האָט מען כוח.
בראָנפן איז דער עיקר,
פון בראָנפן ווערט מען שיכור.

(אַ פאָלקסליד)

דער העברעישער הומאָריסט, גרשון ראָזענצווייג, ווייזט אָן, אַז טרינקען איז אַ סגולה צו אריכות ימים. ער ציט אַ פאַראַלעל צווישן נוח און בן מנוח (שמשון הגיבור):

בשתי הצטיין נוח,
ובגבורה בן־מנוח:
זה האריך חיים
וזה מת בבית רחיים.

(חמשה ואלף מכתמים)

איציק מאַנגער אין זיינע חומש־לידער דערמאָנט נישט נוח דעם שיכור. עס ווייזט אויס אַז ער האַלט לוטן פאַרן אמתן שיכור. אין אַ ליד וואָס הייסט אברהם אָבינו מוסרט לוטן, ווילט זיך מאַנגער:

... האָסט שאָף און רינדער און ציגנבעק;
פאָלג מיך און פאָרכט זיך פאַר גאָט,
אויף יעדן ערל, וואָס זשלאָקעט זיך אָן,
זאָגט מען, שיכור ווי לוט.

כ'פאַרשטיי, מען מאַכט אַ כוסה אַ מאָל
פרייטאָג צו נאַכטס ביים טיש,
ווען סע ברענען די הייליקע שבת־ליכט
און מען עסט די געפילטע פיש.

אָבער נישט ווי דו, טאָג איין טאָג אויס,
ווי ווערט דאָס אַ מענטש נישט מיד!
ס'פאַסט פאַר האַווירלע, דעם שבת־גוי,
אָבער אָסור נישט פאַר קיין ייד.

איציק מאַנגער, דער פייַנפילנדיקער דיכטער, מיט עכטער פאָלקס־נשמה, קיבעצט זיך אפילו אַליין אַריין:

... דאָס פאַסט פאַר מאַנגער,
דעם שניידערוק,
אָבער אָסור נישט פאַר דיר;
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זיין,
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייד אַ גביר.
... באַטראַכט זיך וואָס וועט מען זאָגן
אַ מאָל
סע האָט אברהם אָבינו געהאַט
אַ קרוב אַ שיכור און וואָס אין דער קאָרט,
וואָס דאָס איז נאָך ערגער פון שמד.

נוח איז אויך געווען אַ ייד אַ צדיק. איי ער האָט זיך אונטערגעשריבן מיט זיבן גרייזן, איז עס דאָך אַ דבר ידוע, אַז אַ ייד אַ צדיק (מיינענדיק די פרומע גוטע יידן) קאָן רעכט זיין נאָמען נישט אויסלייגן.

חסידישע רביים פלעגן זיין דאָס צילברעט פאַר משכילים. אַ סך בייסיקע סאַטירע איז געשריבן געוואָרן קעגן די רביים און פרומאַקעס. אָבער מערסטנס פון דער סאַטירע האָט אַנטהאַלטן אין זיך תורה־פסוקים איבערגעדרייט און איבערגעטייטשט.

## יקטן

צווישן צענדליקער נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אין ספר בראשית געפינט זיך אויך אַן אומשולדיקער נאָמען יקטן, (אַ זון פון עבר און אַ ברודער פון פלג). איז דער נאָמען יקטן, ווי דער נאָמען למד, אויך געוואָרן אַ נאָמען פאַר טיפּשים און נאַראָנים. (אַ פעלדשער וואָס פלעגט זיך האַלטן פאַר אַ שטיקל דאָקטער, פלעגט מען ביי אונדז רופן אַ „יאָקטער").

ס'איז אָבער כדאי צו באַמערקן, אַז דער נאָמען יקטן, ווי אַ סימבאָל פאַר אַ טיפּש, איז נישט קיין ביַיע דערפינדונג. דער אבן עזרא (1167-1092) האָט שוין געשאַפן דעם נאָמען יקטן ווי אַ סינאָנים פאַר טיפּש. זייענדיק אויף אַ חתונה, און ווי געוויינלעך, איז דער אבן עזרא, ווי אַ גרויסער אָרעמאַן, געזעסן ביי דער טיר און דער סאַרווער איז פאַרבייגעגאַנגען און אים קיין פאָרציע פיש נישט

דערלאַנגט גלייך ווי פאַר די אַנדערע געסט. דער אבן עזרא האָט דעמאָלט איבערגעלאָזט דעם סאַרווער אַ צעטעלע:

על הדגה דאגה אבליג,
כי הפלג אותי דלג,
אדמו פני, צחו שלג,
לולא יקטן הוליד פלג.

דער אבן עזרא באַנוצט דאָ דאָס וואָרט פ ל ג סאַרווער, צעטיילער. און יקטן, ווי אַ סימן פאַר אַ ט י פ ש, פון וועמען עס איז זיך נישטאָ צו באַליידיקן.

יקטן איז אָבער באַנוצט געוואָרן צו באַצייכענען אַ סך מגידים, רבנים, רביים, ווי אויך שרייבערס, אַקטיאָרן און קריטיקערס. אייניקע עפּיגראַמען וועלן דאָס לייכט אילוסטרירן:

## אל יקטן המשורר

מדיבת רבים, מחמת מבקר,
העלמת י ק ט ן שמך משיריך,
אַך האיוולת עיניך תנקר,
תודיע שמך, מי לא יכירך?

(נ. מ. שייקעוויטש—שמ"ר)

## הסירחון („טכויר" בלע"ז)

הסירחון ויקטן 'משורר",
הסירחון במלחמתו תמיד מנצח,
מפני צחנתו מתנגדו בורח;
ויקטן בבקרתו גבור כמוהו —
מזוין כסירחון, יבריח מתנגדהו.

(פלוני וסופר)

## י ק ט ן

רוח אלהי ממרום יפעמני,
יתפאר יקטן, יפשוק שפתיים,
אפס דבר הכתוב יזכרני,
ישב רוחו — יזלו מים.

(ד"ר שלמה מאַנדעלקערן)

## יקטן המשורר

שלושה צועקים ואינם נענים:
הזבובים על מטפחת שהורה,
העטלפים על השמש המפיץ אורה;
ויקטן מ ש ו ר ר על ספרי אגורה.

(געדרוקט אין לוח אחיאסף, תרנ"ד)

## י ק ט ן

לדרוש את הרב בעירה
על יקטן בן יקירה
הלכה הצנועה דבורה.
ויִנסו הרב בתורה,
ויקרא ויאמר ש ג ע ו ן
ובכן ויהי בעיר לגאון.

(גרשון רוזנצווייג)

## דער ע י ט

ע י ט איז אַ רויבפויגל. אין דער תורה ווערט ער צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין דעם בונד וואָס איז באַקאַנט ווי דער ברית בין הבתרים, דער ברית צווישן אברהם אָבינו און גאָט: וירד העיט על הפגרים (בראַ׳ טו, יא). דער ע י ט איז געוואָרן דער סימבאָל פון מענטשן־גייציקייט. אין ירמיהו ווערט אויך דערמאָנט ע י ט צ ב ו ע (ירמ׳ יב, ט), וואָס ווערט באַנוצט פאַר צבועקעס, פאַלשע און פאַרשטעלטע מענטשן. דער דיכטער אברהם מאַפּו האָט אָנגעשריבן אַ גרויס ווערק קעגן די פרומע צבועקעס מיטן נאָמען ע י ט צ ב ו ע (דער קאָלירטער רויבפויגל). דער מאָטיוו פון דעם רויבפויגל ע י ט איז אויסגענוצט געוואָרן זייער אָפט אין דער ליטעראַטור.

ד"ר שלמה מאַנדעלקערן, דער מחבר פון דער העברעישער קאָנקאָרדאַנץ ה י כ ל ה ק ו ד ש, האָט אָנגעשריבן אַ בייסיקע סאַטירע וועגן די רבנים, וואָס יעדער מיטל צו מאַכן געלט איז ביי זיי כשר. זיי נוצן אויס די סענטימענטן ביי לוויות און לויבן דעם מת אין הימל אַריין, אין דער צייט ווען ביים לעבן האָבן זיי זיך מיט אים אפילו נישט אָנגעקערט:

עיט צבוע הוא רב פלוני,
לובש גאון כמדו,
כל עמלו רק לבטנו,
ידאג רק לעורו לבדו,
ובזה ימאס חכמים,
בחייהם אותם לא זכר,
רק במותם יבוא לספוד להם
ולקבל שכר,
רק בעד בצע כסף על החלל
יכביר אמרים,
כמו שכתוב: „וירד העיט על הפגרים."



ווי אָפט הערט מען ביי אַ לוויה ווי מענטשן זאָגן, דער רב האָט געמאַכט אַזאַ הספד אַז כ׳האָב ממש דעם בר־מינן נישט דערקאָנט. כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש ער איז געווען. ביי יידן איז טאַקע דאָ אַ שפּריכוואָרט: אחרי מות, קדושים אמור (די דריי סדרות גייען איינע נאָך דער אַנדערער). נאָך אַ ווערטל זאָגן יידן: שוכן עד מרום וקדוש שמו — אַ מענטש וואָס איז אַוועק אין דער אייביקייט ווערט ער גרויס און דערהויבן (בדרך הלצה).

דער מאָטיוו פון ע י ט האָט גענוצט אויך פאַר אַ טעמע ביי אַן אַנדערן דיכטער, אויך פון דער השכלה פּעריאָדע, פאַר אַן ערנסטער וואָרנונג קעגן צעשפּליטערונג און מחלוקתן אין די יידישע רייען:

...איש את את קדושיו לו יהיו!
יהיו לו קדושים ויקרים!
היו לכם עמי, למדנים,
חסידים או משכילים ישרים —
אחת! אם ישראל אתם!
אחים אתם! כולכם יקרים
כולכם בני אבות נבחרים,
אשר נתנו תורה ואורה לזרים.
לא ננתח את עם ישראל לכתות,
את גופו לאברים.
הן אך גוי מצוות,
אך על עם מריבות ישלטו אכזרים.
אַך על חצי המחנה יבוא עשיו
והכהו לשברים,
לפיד אש רשעה לא יעבור
כי־אם בין הגזרים,
לא ירד העיט, אוי, כי אם על הפגרים!..

(שירי יצחק)

דער דיכטער ד"ר יצחק קאמינער, האָט פאָרויסגעזען די געוואַלטיקע פּאַרטיי צעריסנקייט ביי יידן און האָט באַנוצט דעם תנכישן מאָטיוו ווי אויך דאָס תנכישע לשון פאַר אַן אויפרוף צו פאַרמיידן ערנסטע חלוקי דעות און אַז יעדער זאָל האָבן אייזעניש מיט דעם אַנדערנס השגות. באמת האָט עס געהאַט אַ קנאַפּע פּעולה, די חלוקות אויף דער יידישער גאַס זיינען געוואָרן שטאַרקער און די רייסערייען גרעסער. אָבער אויך אַ סך אַנדערע האָבן געזען די סכנה פאַר דער יידישער צעריסנקייט. ווי זינגט זיך דאָס יידישע פאָלקסליד:

וואָס מיר זיינען זיינען מיר
אָבער יידן זיינען מיר;
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער דאַוונען דאַוונען מיר.

דאָס דאָזיקע פאָלקסליד שפּיגלט אָפּ די שייכותדיקייט צום יידישן פאָלק ביי ברעקלעך און שטיקלעך יידן. פאָרט יידן, אָבער יידן, טאַקע יידן, זינגט אַן אַנדער פאָלקסליד, מילכיקע, פליישיקע און פאַרעווע יידן.

איך ווייס נישט צי מאָריס ווינטשעווסקין איז באַקאַנט געווען די פריער ציטירטע פּאָעמע. ווי אַן העברעישער שרייבער פון די השכלה־יאָרן זיינען אים מסתּמא געווען באַקאַנט די שאַפונגען פון יצחק קאמינער. ס׳איז אויך נישט אויסגעשלאָסן אַז זיין ליד אַ ח ד ו ת איז געשריבן געוואָרן אונטער דער השפעה פון קאָמינער:

יאָ, מיר זיינען אַלע איינִיק!
צי מיר האָבן פיל צי ווייניק,
און מיר זיינען אַלע ברידער,
און מיר דאַוונען פון איין סידור.
...קורצע פיאות, לאַנגע פיאות,
און מיט און אָן מטבעות,
דאַרע און געפילטע קישקעס,
הוילע הערצער און מאַנישקעס,
פרומע קעפּ און קעפּ פון זינדערס,
קעפּ אין יאַרמעלקעס, צילינדערס,
אַלע זיינען מיר איין פאָלק,
ווי סאָלדאַטן פון אַ פאָלק...

גאָר באַזונדערס האָט געפילט די צעשפּאַלטונג און צעריסנקייט אינעם יידישן לעבן מנחם מענדל דאָליצקי. קומענדיק קיין אַמעריקע און זעענדיק דאָ יידן וואָס דערציִען זייערע קינדער אויף הפקר, אָן אַ ברעקל יידישן וויסן. אין אַ ביטערער סאַטירע שרייבט ער:

...עם חכם אנחנו לפנים מן הקלעים,
ובנינו בחוצות יגדלו כפראים,
בלי דעת אלהים ותורת האדם,
חרפות בפיהם ואבני קלע בידם,
ובלבם תוהו מקטנם ועד גדולם.
והמה בני ברית זרע עם עולם!?

ווען מ׳האָט אין זינען אַז די שורות זיינען געשריבן געוואָרן מיט 70 יאָר צו־

ריק, זעט מען דעם שאַרפן קוק פאָרויס, מחמת דער מצב האָט זיך זינט דעמאָלט נישט פיל געביטן. מיט גאַליקער סאַטירע פאַרענדיקט ער וועגן יידן וואָס ווילן לעבן ווי אַסימילאַטאָרן, און אַנדערע וואָס ווילן לעבן ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק:

.... ברוך שפטרני מצער גידול בנים
וממידות שמנו בבני עם רחמנים;
ונחלק לאדוקים ונאורים אנשי מעלה,
זה מושך אל ק"קו, זה—אל מקדש זרים.
והיהדות ביניהם קרועה לגזרים!...

(מזמרות הארץ, געדרוקט אין הגן, 1899).

דאָס צעשפּליטערטע יידישע לעבן, אַלטע און נייע אידעאַלן, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען אין דער יידישער גאַס נאָך אין אייראָפּע, האָבן זיך איינגעוואָרצלט אויך אין אַמעריקע. די יידישע דערציונג, וואָס איז געווען אינטענסיוו און קאָנסטרוקטיוו אין דער אַלטער היים, איז אין אַמעריקע געוואָרן הפקרדיק און פאַרנאַכלעסיקט:

ובנים יוולדו, יקומו פה מעבר לים,
לא ידעו אם הם בני־שם או בני־חם...
(יצחק ראבינאָוויץ, מנגינות בת עמי)

די עטלעכע שורות טרעפן באמת אין פינטל אַריין וועגן די יידישע קינדער וואָס וואַקסן אויס אָן אַ ברעקל יידישע דערציונג.

אויף אַ גאָר אייגנאַרטיקן און קינסטלערישן אופן, מיט עכט יידישער חכמה און פּיקחותדיקן בליק אויף זאַכן און געשעענישן שילדערט וואָלף מערקור די אַסימילאַציע פון יידן אין אַמעריקע. (איך גיב אַן עצה יעדן צו באַקאָנען זיך מיט דעם ווערק די וועלט אין כעלם. איך וועל זיך נאָר באַנוצן מיט אַ שטיקל אויסצוג פונעם לעצטן קאַפּיטל, ניו כעלם, דער לעצטער בריוו):

... מיר וויסן, יעדער כעלעמער האָט זיך
צו גרויסן,
נאָר דאָרטן, וווּ מען וויל אים בישט,
אַהין וויל ער זיך שטויסן,
מיט אַלע חושים רייסט ער זיך און
טרעפט אַריין אין פינטל,
נאָר אויסגעריסן ווערט ער אומעטום
פון מינדסטן ווינטל,
אין פעדערן אין פרעמדע האָט ער גערן
זיך צו פּוצן,
אויף אַלע שפּראַכן רעדן, נאָר זיין
אייגענע ניט בוצן,
זיין יידישקייט טרייבט ער פון זיך
אויף אַלערליי אופנים,
ביי אַלע פרעמדע געטער טרעפט מען
יידישע כהנים.

... מיר האָבן אויפגעבויט כעלעמס אין
אַ וועלט אַ פרעמדער,
זיך איינגעשאַפן אוצרות און פאַרבליבן
אַלץ אָן העמדער.
מיר האָבן זיך מאַסקירט, געפּרופט
אויף גויים איבערקוליען,
און אויף פרעמדע צערעמאָניעס ליב
געהאַט צו הוליען —
נאָר געציטערט פאַר די שאָטנס פון
די אייגענע געשטאַלטן,
מיר קאָנען יעדן פירן, אָבער זיך אַליין
ניט וואַלטן.
אין פנים זיך געשפּיגן, אַז דאָס יידיש
פאָלק קיין פאָלק איז,
אויף פרעמדע חגאס אָנגעצונדן אין די
פענצטער יאָלקעס...

* * * * *

איך האָב נאָר אָנגערירט אויפן שפּיץ מעסער פון די גרויסע אוצרות פון יידישן אייגנאַרטיקן הומאָר פון אַן אייגנאַרטיקן פאָלק. געמיינט אויך אָנצוווייזן די גוואַלדיקע השפעה פון תנ"ך אויף אונדזער לעבן און דענקען, ווי אויך דער הומאָריסטישער חוש פונעם יידישן פאָלק פאַר זעלבסטקריטיק.

די אייגנאַרטיקייט פון יידישן הומאָר האָט זיך שטאַרק צעבליט מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך אַליין.



מאיר אייזענדאָרף

# וואָס מאַכט אַ ייד?

(אַ וואָרט־שפּיל — ווי אַ צוגאָב צו דער „אייגנאַרטיקייט פון יידישן הומאָר") .

איר פרעגט, „וואָס מאַכט אַ ייד?"—אַ מאָדנע פראַגע. פאַרוואָס פרעגט איר ניט בעסער — וואָס מאַכט ניט אַ ייד? ווייל איז דען דאָ אַזאַ זאַך וואָס אַ ייד זאָל ניט מאַכן?....

אָט, למשל, ווען אַ ייד רעדט, מאַכט ער מיט די הענט; ווען ער עסט, מאַכט ער מיטן מויל; איז זיין געשעפט גוט, מאַכט ער אַ לעבן; חלילה שלעכט, מאַכט ער מיט די זייטן.

אָט אַזוי, ווי איר זעט, האַלט אַ ייד אין איין מאַכן.

ביי מיר אַליין, ווי ביי אַלע יידן, האָט זיך דאָס מאַכן אָנגעהויבן גלייך נאָך דעם ווי איך בין געבוירן געוואָרן. נאָך איידער איך האָב ריכטיק אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט מען איבער מיר שוין געמאַכט דעם ברית. בין איך געלעגן אין ווינדן און געמאַכט העוויות און דער עולם אַרום מיר האָט געמאַכט לחיים.

בין איך אַריין אין חדר, האָט דער רבי מיך געלערנט צו מאַכן אַ ברכה, צו מאַכן קידוש. האָב איך גוט געלערנט, האָט ער געמאַכט מיטן קאָפּ; האָב געלערנט שלעכט, האָט ער געמאַכט מיטן קאַנטשיק.

צו דרייצן יאָר האָט מען מיך געמאַכט פאַר אַ בר־מצוה און דער טאַטע האָט געמאַכט די ברכה, ברוך שפטרני, און גלייך נאָך דעם מאַכט ער אַזוי: איצט ביסטו אַ דערוואַקסענער און מ'דאַרף מאַכן פון דיר אַ מענטש...

בין איך געוואָרן אַ לערן־ייִנגל און מ'האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שניידער.

נו, דאָס איז געווען אין צאַרישן רוסלאַנד, און ווען ס'איז געקומען די צייט פון „פּריזיוו", האָט מען מיך געמאַכט פאַר אַ סאָלדאַט. אָבער ווי קומט אַ ביקס צו אַ ייד, וואָס איז דערצו נאָך אַ שניידער? האָב איך ניט גוט געהאַלטן די ביקס, האָט דער אָפיציר מיר געמאַכט אין טאַטנס טאַטן אַריין. איז מיר געוואָרן זייער ביטער, האָב איך זיך געקליגט און געמאַכט די פּליטה.

בין איך געקומען קיין אַמעריקע און געזוכט צו טאָן וואָס עס מאַכט זיך. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע מאַכן:

האָב איך געמאַכט העמדער, האָב איך געמאַכט גאַטקעס, האָב איך געמאַכט קעז, האָב איך געמאַכט פּוטער, האָב איך געמאַכט ליכט, האָב איך געמאַכט היתון, און פון די אַלע געמאַכטסן האָב איך קוים געמאַכט וואַסער אויף קאַשע.

ביז צום סוף האָב איך געקראָגן אַ „דזשאַב" ביי אַ שניידער. האָב איך ווידער געמאַכט:

געמאַכט רעקלעך, געמאַכט וועסטן, הויזן און אין די הויזן געמאַכט „פאַקעטס". האָט דער באַלעבאָס ניט געגעבן קיין „רעיז", האָב איך געמאַכט אַ שטרייק. שפּעטער, ווען איך האָב געעפנט מיין אייגענעם „שאַפּ", האָב איך געמאַכט ניט שלעכט.

דערנאָכדעם האָט זיך מיר געמאַכט אַ שידוך, און דאָס מיידל איז מיר געווען געפעלן, האָבן מיר געמאַכט אַ חתונה און נאָך דער חתונה האָבן מיר געמאַכט קינדער...

איצט האָב איך מיינע קינדער אויך חתונה געמאַכט און זיי מאַכן געשעפטן פאַר זיך און פאַר מיר און מיין פרוי מאַכן זיי אייניקלעך.

איך בין איצט, גאָט צו דאַנקען „ריטייערד", זיץ איך מיר אין פאַרק און ווען איך האָב אַ שותף מאַך איך אַ פּינאָקל.

און אָט האָב איך אייך געמאַכט אין קורצן מיין גאַנצע ביאָגראַפיע, ווייל טאָמער מאַכט זיך אַז מיר באַגעגענען זיך וועט איר פאַרשפּאָרן פרעגן „וואָס מאַכט אַ ייד?"

יצחק ניימאַן

# דאָס פּראָבלעם נשמה

אין דער קעניגרייך פון מחשבות און רעיונות, ווו אַלע וועלט־דענקערס און אויך די יידישע גאונים זיינען זיך מתעסק מיט די פּראָבלעמען פון גאָט, מענטש און קאָסמאָס, פאַרנעמען די געדאַנקען וועגן נשמה דעם סאַמע אויבנאָן. דער גאַנצער וועלט פּראָגרעס, אַלע געזעצן און הלכות, אַלע מענטשלעכע עטיקס, זיינען נאָענט געבונדן מיטן באַגריף נשמה, וואָס ווערט גאַנץ פאַרשיידנאַרטיק פאַרטייטש. זיי, די גרויסע דענקערס,, אויך יידישע, מאַטערן זיך נאָך אַלץ צו געפינען אַ גוטע דעפיניציע פאַר דעם באַגריף פון נשמה. קיין פּאָזיטיווער ענטפער איז נאָך נישט געפונען געוואָרן, אָבער עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פיל קלוגע געדאַנקען, וואָס זיינען ווערט אונדזער ערנסטע באַטראַכטונג.

אַחוץ די פראַגע, וואָס איז נשמה? איז אויך דאָס פּראָבלעם פון אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. איז השארת הנפש אַ רעליגיעזע דאָגמע, וואָס קען לאָגיש ניט באַגרינדעט ווערן? אָדער עס איז וויסנשאַפט?

דאָס וואָרט נשמה מיינט אַ סך זאַכן און האָט פיל אויסטייטשונגען. מען גלויבט אַז נשמה איז אומשטערבלעך, אַז נשמה איז אַ העכערע, אַ געטלעכע זאַך. וועגן דעם לערנען מיר למשל פון „ספרי" במדבר ((מאמר ט"ו) וואָס זאָגט: „דער מענטש שטייט נאָענט צו גאָט, ער איז זיין געשטאַלט, וואָס שטעלט אים אַוועק העכער פון אַלע באַשעפענישן. די נשמה אינספּירירט אים מיט אידעען און וויסן אויסצוקלייבן וואָס גוט איז און אויסמיידן וואָס שלעכט איז."

די גמרא (ברכות י־א) פאַרגלייכט די נשמה צו דער געטלעכקייט, מיט די ווערטער: גאָט איז אין דער גאַנצער וועלט, „מלא כל הארץ כבודו", אַזוי אויך איז די נשמה אין גאַנצן גוף; אַזוי ווי גאָט זעט און קען ניט געזען ווערן (רואה ואינו נראה), אַזוי אויך די נשמה; אַזוי ווי קיינער ווייסט ניט דאָס אָרט פון גאָט, אַזוי ווייסט קיינער ניט דאָס אָרט פון דער נשמה, ווייל די נשמה איז פון הימל, און דער גוף איז פון דער ערד...

אין די כתבי קודש זען מיר די באַדייטונג פון וואָרט נשמה אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן און פאַרשיידענע אויסטייטשונגען, און אַלע קומען צוריק צום אָריגינאַלן מיין וועגן זין פון וואָרט. למשל: אין חומש בראשית ווערט געזאָגט, ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש: ׳ויפח באפיו נשמת חיים" (ער האָט אַריינגעבלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן). אין ספר משלי זאָגט זיך: „נר ה׳ נשמת אדם" (גאָטס ליכט איז די נשמה פון מענטש). אין בראשית ל־ה) ביי רחל שטייט: „ויהי בצאת נפשה כי מתה"( עס איז געשען, ווען איר נפש איז אַרויס פון איר ווייל זי איז געשטאָרבן).

אויך האָבן מיר פאַר דעם באַדייט פון וואָרט נשמה, אַחוץ אָטעם, ליכט, אויך דאָס וואָרט „רוח", גייסט, (קהלת י־ב): „ורוח תשוב אל אלהים", אַז דער מענטש שטאַרבט גייט דער רוח צוריק צו גאָט.

אויך האַרץ אידענטיפיצירט זיך מיט נשמה. עס איז באַוווסט דער מאמר פון תנא רבי עקיבא, וואָס האָט געלערנט: זאָלסט בעטן גאָט „בכל לבבך ובכל נפשך" — מיט האַרץ און נשמה... אַ פיינע פּאָלקסטימלעכע קאָנצעפּציע מכוח נשמה אין שייכות מיט האַרץ געפינען מיר ביי י. ל. פּרץ אין זיין דערציילונג „יוחנן דער וואַסער־טרעגער און דער אורח חיים." פּרץ שילדערט דעם גרויסן למדן, דעם מרא דאתרא, דעם פרומען יידן, וואָס דינט גאָט מיט קאָפּ און מוח, און אַ דיין איז בטבע אַ קאַלטער, אַ טרוקענער, ווייל אין הלכה איז „אין רחמים בדין", אָן סענטימענטן, ווי דער יוחנן וואַסער־טרעגער, דער פּראָסטער אָבער ערלעכער פשוטער תם, וואָס איז משמש די לערנער אין בית המדרש מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער. ער דינט גאָט מיט אַ וואַרעם האַרץ פול מיט רחמים, איז עס ביי גאָט מער אָנגעלייגט ווי דער אורח חיים מיט זיינע כוונות מיט קאָפּ און מוח...



פּרץ ציט ווייטער דעם געדאַנק, אַז צוויי וועגן פירן צו זיין ליבן נאָמען, וואָס איז די נשמה פון דער וועלט. איינער פון זיי איז דער שכל, דער צווייטער איז דער וועג פון האַרץ. געוויינטלעך ווערט אַ מענטש געשאַצט לויטן שכל, אָבער צו אַ גאָר הויכער מדרגה קומט אַ מענטש דורך דעם האַרץ. הגם דאָ דערקלערט זיך ניט דירעקט און דייטלעך וואָס עס איז נשמה, באַמערקט אָבער פּרץ, אַז גאָט מיינט די נשמה פון דער וועלט, און אַלץ וואָס איז געטלעך רופט זיך נשמה, וואָס איז כולל בײדע — דעם מוח און דאָס האַרץ. און רחמים פון האַרץ שטייט העכער פון שכל און מוח.

נאָך אַן עקזאַלטירטן נשמה־באַגריף ווי וועגן געטלעכן געשטאַלט און רופט נשמה אַ זינגענדיקע האַרץ, געפינען מיר ביים בעל־שם־טוב. ער זאָגט: מיר זען זאַכן וואָס האָבן ניט קייןווירקלעכע עקזיסטענץ, נאָר זיי זיינען ניט מער ווי אויגןפאַרבלענדעניש און מ׳זעט ניט דאָס ווירקלעכע אמתע לעבן. דער מענטש דאַרף תמיד אַרומגיין מיט אַ בענקעניש און מיט אַ זינגענדיקער נשמה. מענטשן זעען ניט דאָס געטלעכע געשטאַלט וואָס געפינט זיך אומעטום, און נאָר יחידי סגולה זיינען געבענטשט מיט ליכטיקע אויגן און אָפענע אויערן צו זען און צו הערן די געטלעכקייט וואָס פילט אָן די נשמה מיט פרייד און געזאַנג...

די פאַרשיידנאַרטיקייט פון וואָרט נשמה דערקלערט זיך מיט דעם וואָס אַלע הויכע ווערזנס רופן זיך מיט פיל נעמען, אַ שטייגער — גאָט און די תורה א"אַ.

אַז נשמה שטייט אין צענטער פון אַלץ ווערט קלאָר פון די סעמאַנטיק און באַדייט פון די ווערטער, ווי האַרץ־לעבער, וואָס זיינען סינאָנימען מיט נשמה, מחמת נשמה שטייט אין מיטן פון אַלץ. למשל: „עד לב השמים" (ביז דעם האַרץ פון הימל). אויך דאָס וואָרט כבד—ערע און לעבער. און בײדע מיינען נשמה. מיר זעען ביי יעקבן, ווען ער בענטשט שמעון און לוי, זאָגט ער: „בקהלם אַל יחד כבודי" (צו זייער געזעמל זאָל מיין כבוד, מיין זעל ניט צושטיין). אויך יהואָש טייטשט אויפן פּסוק אין תהילים ל־יז: ׳למען יזמר הכבוד" (דערום וועט דיך באַזינגען מיין זעל). אין זיינע הערות צום תנ"ך באַמערקט ער, אַז אין אַראַביש (איל כביד מסמאיא) ביז די לעבער פון הימל. דאָס אייגענע ווי ביז דעם האַרץ, ביז די נשמה, דער מיטן פון הימל, ווי דער מיטן פון גוף ווו דאָס האַרץ איז.

גרויס געוויכט האָבן די חכמים געלייגט אויף דעם ענין נשמה, אין שייכות מיט השארת הנפש, די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. הגם אין דער תורה ווערט דער ענין ניט דערמאָנט, ערשט אין די נביאים און כתובים ווערט יאָ דערמאָנט, פון תלמוד איז אָפּגערעדט. עס איז באַוווסט די מחלוקה צווישן די צדוקים און די פרושים. די צדוקים האָבן ניט אנערקענט די אויטאָריטעט פון דער תורה שבעל־פּה. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ווען אַ מענטש שטאַרבט, איז עס זיין סוף. די פרושים האָבן זיך געשטיצט אויף די פּסוקים פון די נביאים און כתובים. זיי האָבן יאָ געגלויבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה.

וועגן גלויבן אין השאָרת הנפש געפינען מיר אין ספר שמוא (א־כא): שאול המלך האָט אַרויסגערופן דעם גייסט פון פאַרשטאָרבענעם שמואל הנביא — דאָס באַווייזט אַז דער גלויבן איז געווען אָנגענומען, אַז אַ געשטאָרבענעמס נשמה עקזיסטירט אויך נאָכן טויט, און אין ספר תהילים (קט"ז): „אתהלך לפני ה׳ בארצות החיים" (איך וועל גיין פאַר גאָט אין די לעבדער פון לעבן). ווייטער אין תהילים ט"ז: „כי לא תעזוב נפשי לשאול" (וועסט ניט פאַרלאָזן מיין נשמה צו דער גרוב). דאָ רעדט זיך קלאָר פון דער אייביקייט פון דער נשמה. אויך אין ספר דניאל יב: „ורבים מישני עפר יקיצו" (פיל פון די וואָס שלאָפן אין דער ערד וועלן אויפוואַכן). און קהלת זאָגן: „דער גוף צו דער ערד, און דער גייסט קערט זיך צוריק צו גאָט." עס זאָגט זיך גייסט און מיינט נשמה...

* * *

די חכמי התלמוד האָבן באַטראַכט שלאָף פאַר אַ געוויסער מאָס טויט, און דעם מאָרגן־דערוואַכונג פון שלאָף — פאַר אַ רמז פון דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. די מאָרגן־תפילה גיט אויסדרוק צום דאָזיקן געדאַנק. מיר געפינען עס אין

גמרא ברכות מ״ב: זאָגט רב פּפּא: „מ׳וואַכט אויף אין דער פרי זאָגט מען די דאָזיקע תפילה — די ׳געטלעכע נשמה וואָס דו האָסט מיר געגעבן איז אַ ריינע, האָסט זי אַריינגעשאַפן אין מיר, האָסט זי אַריינגעבלאָזן אין מיר, האָסט זי אָפּגעהיטן. אַזוי לאַנג ווי די נשמה איז אין מיר לויב איך דיר, הערשער פון אַלע וועלטן, האַר פון אַלע נשמות׳.״

וועגן גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה זעען מיר אין כוזרי (חלק ג׳): „כי אין מותך כי אם כלות הגוף בלבד״ (דער טויט איז נאָר די פאַרניכטונג פון גוף). אַ קרעפּטיק היפּאָטעטישע מיינונג וועגן השארת הנפש געפינט מען אין מענדעלזאָנס „פעדאָן״. ער זאָגט: די נשמה איז אומשטערבלעך, ווייל קיין זאַך ווערט ניט פאַרלוירן, און פונקט ווי געוויסן, מיר זעען עס ניט, מ׳קען עס ניט אָנטאַפּן, אַזוי איך אויך מיט דער נשמה, וואָס האָט אַ ממשות נאָר אין דער אייביקייט.

דער מדרש ספרי (במדבר קלז) זאָגט: אין יעדן מענטש איז דאָ גאָט. דאָס איז זיין שכל, וואָס איז זיין נשמה. דער גוף איז פון דער נאַטור, אָבער די נשמה איז פון הימל. די נשמה איז אַ גייסטיקער כוח וואָס שטעלט דעם מענטש העכער פון אַלע באַשעפענישן. עס אינספּירירט אים מיט הויכע געדאַנקען און העלפט אים אויסקלייבן גוטס און טוט אים אָוועקנייגן פון שלעכטס.

אָבער וואָס ווערט פון דער נשמה? אויף דעם איז ניטאָ קיין ענטפער. דאָס פּראָבלעם נשמה איז אויך אַ רעטעניש מיט דעם, וואָס ביידע הויזן צוזאַמען אין קערפּער און איינער קען ניט אויסקומען אָן דעם צווייטן; ווען עס שטאַרבט אָפּ דער גוף מוז די נשמה פאַרלאָזן דעם קערפּער.

ווי מיר זען איז קיין גענויער זיכערער ענטפער איבער דעם ענין נשמה ניטאָ. בלייבט עס אַ פּראָבלעם...

מיר ענדיקן מיט דעם פאָלגענדן מדרש: איינער האָט געפרעגט: רבן גמליאל, ווו איז גאָט? האָט ער אים געענטפערט: איך ווייס ניט. און יענער האָט ווייטער געפרעגט: איר דאַוונט יעדן טאָג, איר בעט צו גאָט און איר ווייסט ניט ווו גאָט איז? ענטפערט אים רבן גמליאל: דו פרעגסט מיר וועגן גאָט, וועלכער איז ווייט פון אונדז; איך וועל דיך פרעגן פון אַ זאַך וואָס איז נאָענט — איך מיין די נשמה, ווו איז זי? דער מאַן האָט געזאָגט: איך ווייס ניט. אויף דעם האָט רבן גמליאל געזאָגט: דו קענסט מיר ניט זאָגן וועגן דער נשמה, וואָס איז פאַקטיש נאָענט אין דיר, און דו פרעגסט מיך וועגן גאָט, וואָס איז ווייט אַוועק פון דיר...

סאָניע אָמאַן

# אַ קאַפּיטל זיכרונות

עס בלאָנדזשען בילדער אין מיין זיכרון,
זוכן אַן אַרויסגאַנג אַרויסצוקומען,
נאָר זיי שטויסן איינס דעם צווייטן
ביז מיין געדאַנק ווערט צעשוווּמען.

אָט איז מיין עלטער־זיידע ר׳ מאירל
און מיין עלטער־באָבע חיה...
אַזוי פיל יאָרן שוין אַנטרונען,
כ׳האָב אַ סך, אַ סך לאַנג פאַרגעסן,
נאָר זיי לעבן אין מיין זינען.

איך זע מיין עלטער־זיידן
טאָג און נאַכט איבער אַ ספר איינגעבויגן,
און די ווערטער פון דעם ספר
טובלען זיך אין זיינע אויגן.

און ווען ער טוט אין דער תורה
אַ נייעם זין געפינען,
שטראַלט באַלד אויף זיין גאַנצער וועזן —
ווי עס וואָלטן אַלע זונען
אים צו אַכפּערן זיך באַוויזן.

עס לייכט אויף דאָס קליינע צימער,
יעדער ווינקל איז פול געדאַנק,
יעדער אות פון זיידנס ספר
זינגט צו אים אַ לויבגעזאַנג.

פאַר מיין עלטער־באָבע חיה —
דער יאָך פּרנסה איז איר ניט שווער —
אַז דער זיידע זאָל לערנען תורה
איז איר איינציקער באַגער.



די געטריישאַפט פון מיין באָבע
האָט, ווי די שכינה, אויך אים געצירט —
מיט איר האַרץ און נשמה
האָט זי אים אָפּגעהיט.

איין זאַך האָט זי פאַר זיך געווונטשן,
אַז ווען דער סוף פון ז י י ן וועט קומען,
און אין גן־עדן וועט ער גיין,
זאָל ער זי מיט זיך מיטנעמען —
אַ פוסבענקעלע ביי אים צו זיין.

אין מיין זעונג זע איךביידן
אויף צוויי שטולן — ריינע גאָלד,
נאָר דער באָבעס, אין גן־עדן,
שטייט דאָרט נאָענטער צו גאָט.

און די ליבשאַפט פון מיין באָבע
שיינט נאָך אַלץ אויף זיין שיין פּנים,
און זי, שולדיקדיק שמייכלט,
שעפּטשעט, שעפּטשעט שטיל זיין נאָמען.

רבקה קאַפּע / פּאַריז

# ר אַ נ ד ע װ ו

מיט אַ טויזנט־פיסיק ווערעמל אויף דר׳ערד,
געווען איז מיר היינט באַשערט
אַ שפּיל צו פאַרפירן.

ווי צום אָנגריף האָט מיין פוס זיך שטייף געשטעלט,
פאַר זיין שוואַרץ־לאַקירטער פעל —
מיט שרעק אים פאַרפירן.

זיין עק האָט גלייך זיך — אַ טרומייט פאַרבויגן,
טויזנט פיס — טויזנט אויגן,
געוואַרט אויף מיין באַוועג.

אַ מאָנסטער איז מיין פוס פאַר אים, אַ סיגנאַל!
איך פאַר אים — אַ קאַניבאַל,
באַפאַל אין מיטן וועג!

שטייט דער קרבן און איך, אָנגעדרודלט ביידע,
און עס וואַרט די עקדה...
און ס׳גלאָצן די שטערן.

מ׳ע וואָלט אַזוי געשטאַנען אַ ציקל שעה,
ווען נישט מיין זאָג: ראַנדעוו
מאָרגן ביים לאַמטערן!...

ז. בונין

# אַ מעשה שהיה

(אַן אמתע געשיכטע פונעם לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס)

## אין אָנדענק פון חזן הערי אַלפּערסאָן

ניין, דאָס איז ניט געווען סתם אַזוי אַ וועטשערע, נאָר אַן אמתער באַנקעט, אַ מאָלצייט, אָט טאַקע כיד יעטאַ בערנשטיין, וועלכע איז באַרימט צווישן אַלע אירע באַקאַנטע פאַר איר גאַסטפריינדלעכקייט, מיט דעם „שיינעם טיש" וואָס זי שטעלט אויס און מיט אירע געשמאַקע מאכלים און פּאָטראַוועס וואָס זי גרייט שטענדיק צו מיט דער ברייטער האַנט. די געסט זיינען געווען פיר פּאָרלעך, צוויי שרייבערס, אַ מאלער, אַ סקולפּטאָר און אַ חזן. זיי זיינען געקומען אויף דער איינלאַדונג פון דעם דיכטער זלמן בערנשטיין און זיין פרוי לכבוד זייער חנוכת הבית, ווו זיי האָבן זיך ערשט אַריינגעצויגן אין אַ לאָס אַנגעלעסער סובורביע מיט דעם הויך־קלינגענדיקן נאָמען: „וועסטטשעסטער", ניט ווייט פון דעם לאָס אַנגעלעסער לופטהאַפן.

נאָך דעם ווי די געסט זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דער אינספּעקציע איבערן הויז און, פאַרשטייט זיך, זייער באַוואונדערט סיי די שיינע צימערן, סיי דאָס נייע, שיינע מעבל, זיינען זיי געלאַדן געוואָרן צום טיש. אַזוי ווי עס איז געווען פרייטיק פאַר נאַכט, איז דער טיש געווען באַדעקט מיט אַ זויבער ווייסן טישטוך, צוויי שיינע שיינענדיקע מעשענע לייכטערס, וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען צו יעטאַן בירושה נאָך פון איר באָבען. די פלעמעלעך פון די ערשט־געבענטשטע ליכט האָבן ווי קאָקעטיש זיך געוויגט פון זייט צו זייט, אָדער זיך אַ הויב געטאָן און אַ לאָז אַרונטער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט באַטייליקן זיך אין אונטערהאַלטן די געסט. דער אדון הבית האָט מכבד געווען דעם חזן צו מאַכן קידוש, מען האָט געמאַכט אַ לחיים און צוגעווונטשן די ניי־אַריינגעקליבענע מזל און גליק.

די געסט זיינען געווען ווי די דריי פאַרשטעלטע מלאכים וואָס זיינען געקומען אַנזאָגן אברהם אָבינו אַז אם ירצה השם איבער אַ יאָר וועט אים שרה, זיין ווייב, באַגליקן מיט אַ יורש עצר, ווייל ווי נאָר מען האָט עפּעס דערלאַנגט צום טיש איז עס גלייך פאַרבערענט געוואָרן... קאַווע און פאַרבייסן, האָט די באַלעבאָסטע פאַרגעשלאָגן צו האָבן אין דעם באַגראָזטן, באַבלומטן און באַבוימטן הויף אין הינטערגרונט פון הויז.

עס איז געווען אַ מילדער, זומערדיקער קאַליפאָרניער אָוונט. מיר זיינען געזעסן אויפן גרינעם גראָז אַרום אַ לאַנגן באַנקעט־טיש, אונטער אַ ברייט צעצווייגטן פייגנבוים, און אונטערן שיין פון די עלעקטרישע לעמפּלעך פאַרפלאָכטן אין די צווייגן האָט דער גאַנצער אַרום אויסגעזען פאַרכאַפּנדיק שיין. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ זודיקער סאַמאָוואַר, נאָר ניט אַזאַ סאַמאָוואַר וואָס מ'פלעגט אַ מאָל אין דער אַלטער היים באַדאַרפן מיט אַ כאָלעווע פאַנאַנדערבלאָזן די קוילן אין אים. דאָס איז געווען אַן אַמעריקאַנער סאַמאָוואַר און אַנשטאָט הייסע וואַסער בלויז איז אין דעם אויך אַריינגעטאָן געוואָרן קאַווע. דאָס קומיש־ברויט, שטרודל און נאָך אַנדערע זיסע זאַכן, וואָס די באַלעבאָסטע האָט סערווירט — אַלץ טאַקע אַליין געבאַקן — האָט „ריוועלע די זיסע" פון שלום עליכמס „די גאָלד־שפּינערס" ביי איר געמעגט די פּעטשערעס הייצן...

אַלע זיינען געווען גוט אויפגעלייגט און אַרום טיש האָט מען לעבהאַפטיק געשמועסט, און באַרירט געוויסע אינסטיטוציעס וואָס דאָס יידישע לאָס אַנגעלעס האָט געשאַפן.

— איר האָט דערמאָנט דעם יידישן מושב זקנים, וועל איך אייך דערציילן אַ זייער אינטערעסאַנטע מעשה, וואָס עס האָט טאַקע מיט מיר אַליין דאָרט געטראָפן — האָט דער חזן זיך אָנגעבאָטן צו דערציילן.



דאָס איז געשען, פּלאָגט מיך אַ גאַנג, מיט וואָסערע פערציק יאָר צוריק, ווען איך בין אָנגעקומען קיין לאָס אַנגעלעס, זיך אַרומגעדרייט אַ שטיקל צייט און צו גאָרניט געקאָנט זיך דערשלאָגן. נאָר אָט האָב איך באַמערקט אַן אַנאָנס אין אַ יידישער צייטונג: „אַרבעטער פאַרלאַנגט ביי ראָזנסטיין ענד סאָנס מעבל פאַבריק." איך האָב דעם אַנאָנס געוויזן מיינעם אַ פריינד, ערשט ער קען זיך מיט מיסטער ראָזנסטיין און מיר געראָטן צו גיין זען אים פערזענלעך און אים זאָגן אַז ער האָט מיך געשיקט.

מיסטער דוב ראָזענשטיין האָט אויסגעזען אין אָנהייב מיטלעלטער, פון מיטעלן וווקס, אַ ביסל באַלייבט, מיט אַ סימן פון אַ פליך, אַ פריינדלעך פּנים און גוטמוטיקע אויגן.

— האָט איר אַ מאָל געאַרבעט ביי מעבל?

— ניין, זאָג איך, אָבער איך טויג זיך אויס מיט געצייג. אין דער היים האָב איך געהאַט אַ פעטער אַ סטאָלער, פלעג איך זיך אָפט אַריינכאַפּן צו אים און אים העלפן אין דער אַרבעט.

מר. ראָזענסטיין האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ בעל־מלאכה איך קאָן זיין און האָט אַ שמייכל געטאָן: — גוט, איך וועל זאָגן דעם פאָרמאַן ער זאָל אייך געבן אַן אַרבעט צוזאַמענלייגן שטולן, מען דאַרף אויף דעם קיין עקספּערט ניט זיין.

איך האָב אָפּגעאַרבעט אַרום צוויי חדשים און בין געווען צופרידן.

נאָר אָט איז געקומען דער ערב ימים נוראים און אין מיר האָט זיך אויפגעוועקט מיין שטימע. עס האָט זיך אַ בענק געטאָן נאָכן עמוד און אַזוי שטייענדיק האָבן מיינע הענט ווי זיך צוגעקלעפּט צו אַ שטול וואָס איך האָב געליימט. מיר האָט זיך פּלוצים אויסגעדאַכט אַז איך בין אין אַ בית־מדרש פול מיט יידן אין טליתים און ניט ווילנדיק געעפנט דאָס מויל און זיך אַזוי צעזונגען אויפן קול: „הבן יקיר לי, יקיר לי, הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים" און דאַן פאַרענדיקט מיט: „זכור אזכרנו עוד" — ערשט אַלץ איז געווען אַרום מיר אין אַ טויטער שטילקייט, די מאָטאָרן אָפּגעשטעלט און אַלץ אין אַ פאַרגליווערטער רו...

אַ צעשראָקענער האָב איך מיט משונה פלייס געכאַפּט ליימען די שטול וואָס איך האָב געהאַלטן פריער אין ליימען, און דערזען אַז דער באַלעבאָס שטייט ניט ווייט פון מיר, זעט אויס זיך אויך איינגעהערט אין מיין זינגען.

כ'האָב געטראַכט: פאַר מיין שטערן די אַרבעט וועט מען מיך מסתמא „פייערן" און איך וועל ווידער מוזן גיין זוכן עפּעס אַן אַרבעט. אָבער אַנשטאָט דעם, גייט גאָר מר. ראָזענשטיין צו צו מיר און זאָגט: „איר ווייסט, יונגער מאַן, מיט אַזאַ שטימע ווי איר פאַרמאָגט האָט איר באַדאַרפט זיין אַ חזן און ניט שטיין און ליימען שטולן."

— איך בין טאַקע אַ חזן — האָב איך אים געענטפערט — אָבער אָנקומענדיק אין לאָס אַנגעלעס האָב איך זיך ניט געקאָנט צושלאָגן צו קיין חזנות־שטעלע. איך האָב אויסגעפונען אַז אַרום די שולן דאָ ווערט „געשפּילט מער פּאָליטיק" ווי אין דער „ווהייט האַוז" אין וואַשינגטאָן. די נשמה, ווי מען זאָגט, קאָן מען דאָך ניט אויסשפּייען, האָב איך דערווייל געמוזט געפינען אַן אַרבעט ביז איך וועל מיט דער צייט אָפּזוכן אַ חזנות־שטעלע.

— זענט איר פאַרהייראַט? האָט איר משפּחה? — פרעגט ער מיך.

— ניין, איך בין ניט פאַרהייראַט און איך וווין מיט מיין מוטער און צוויי שוועסטער.

מיין באַלעבאָס פאַרטראַכט זיך אַ ביסל און זאָגט: — נאַט אייך מיין קאַרטל און מיין אַדרעס און קומט דעם מיטוואָך אָוונט צו מיר אויף וועטשערע. איך האָב אַ פּלאַן פאַר אייך און מיר וועלן זיך דורכשמועסן.

אויף אַזאַ סורפּריז האָב איך זיך גאָר ניט געריכט! די ראָזענשטיינס האָבן געוווינט אין דער יידישער „באָיל הייטס" אין שיין מעבלירטע צימערן. אויף די ווענט זיינען געהאָנגען מאָלערייען אויף יידישע טעמעס, אַ שאַגאַל בילד און דער 'רב" פון רעמבראַנד. זייער גאַסטפריינדלעכע מענטשן און האָבן מיך זייער וואַרעם אויפגענומען. נאָכן עסן זיינען מיר אַריין אין זאַל און מרס. ראָזענשטיין האָט זיך צו מיר געווענדעט: — מיין מאַן האָט מיר דערציילט וועגן אייך און זאָגט אַז איר האָט אַ זייער שיינע שטימע. מיר ביידע האָבן ליב מוזיק, וואָלט איך אייך זייער בעטן

אַזוי גוט זיין און עטוואָס זינגען פאַר אונדז.

איך האָב, דעם אמת געזאָגט, געוואָלט ביי זיי „אויסנעמען" און מיט פאַרגעניגן פאַר זיי געזונגען אַ פּאָר ליטורגישע זאַכן און עטלעכע פאָלקסלידער, צווישן זיי: „איז געקומען אַ חזן אין אַ שטעטל דאַווענען אַ שבת." מיין זינגען איז זיי ביידן זייער געפעלן. די באַלעבאָסטע האָט סערווירט קאָנפּעטן און פרוכט און מר. ראָזענשטיין זאָגט צו מיר: — איך בין פּרעזידענט פון קאָנגרעגיישאָן „אהבת יעקב", מיר האָבן אַ זייער פיינעם חזן, אָבער צוליב געוויסע סיבות פאָרט ער אַוועק אויף אַ שטעלע אין מילוואָקי אין צוויי וואָכן אַרום. איך האָב שוין גערעדט וועגן אייך מיטן ראַביי און עטלעכע באַלעבאַטים, און אויף מיין רעקאָמענדאַציע זענט איר געלאַדן דאַווענען ביי אונדז אין שול קומענדיקן שבת. דאָס וועט זיין, ווי מען רופט עס ביי אונדז, „אויף פּראָבע". מילא איך בין, ווי דאָס רומישע שפּריכוואָרט זאָגט: „געקומען, געזען און געזיגט"...

פון דעמאָלט אָן בין איך מיט די ראָזענשטיינס זייער באַפריינדעט געוואָרן. מר. ראָזענשטיין האָט קיין מאָל ניט פאַרפעלט מיינס אַ דאַווענען און כמעט יעדן שבת נאָכן דאַווענען בין איך געלאַדן געווען צו זיי אין הויז אויף קידוש.

אָבער די צייט שטייט ניט אויף איין אָרט, און דאָס יידישע לאָס אַנגעלעס האָט זיך גענומען שטאַרק ענדערן. טעמפּל סט. און סענטראַל עוועניו, וואָס האָבן געקאָכט מיט יידיש לעבן זיינען שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, נאָר „באָיל הייטס" האָט זיך נאָך פאַר אַ צייט געהאַלטן, אָבער אויך פון דאַנען האָבן יידן גענומען אַרויסציען זיך אין נייערע טיילן פון שטאָט אין די „סאָבורבס" ווי מען רופט עס, און די ראָזענשטיינס, אַזוי גוט ווי איך, זיינען קיין אויסנאַם ניט פאַרבליבן. זיי האָבן זיך פאַרקליבן ערגעץ אין נאָרד האָליוווד און איך — אין אַ סובורביע אַרום לאָנג ביטש.

ראָזענשטיין איז געווען פאַרטאָן מיט זיינע פּראָבלעמען און געשעפטן. איך האָב דורך דער צייט חתונה געהאַט; פאַמיליע קינדער, דער ווייבס שוועסטערס און ברידער, געבוירנטעג, פּאַרטיס, בר־מצווהס, און אַזוי האָבן מיר פריער זעלטן און דערנאָך אין גאַנצן זיך אויפגעהערט צו טרעפן און די יאָרן זיינען געלאָפן.

איין מאָל גיי איך אין יידישן מושב זקנים באַזוכן מיינעם אַ קרוב, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַהין אָנגעקומען. ערשט איך טרעף דאָרטן מיין אַלטן גוטן פריינד, מיסטער ראָזענשטיין! איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אַרויסצווייזן מיין דערשטוינונג, אָבער ער האָט דאָס באַמערקט. גאָר ניט געזאָגט, אַ פּנים מיך ניט געוואָלט שטעלן אין קיין פאַרלעגנהייט, העפלעך געענטפערט אויף מיין באַגריסונג. איך האָב אים איינגעלאַדן זיך דורכפאָרן מיט מיר און אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן עסן מיטאָג צוזאַמען. נאָך מיטאָג זיינען מיר אַרויסגעפאָרן הינטערן שטאָט. איך האָב דאָך פאָרט געוואָלט וויסן „וואָס און ווען". און מיין פריינד האָט זיך „אַראָפּגערעדט פון האַרצן."

— איר פאַרשטייט, איך האָב אָנגעהויבן מיין געשעפט מיט גאָרניט, טאַקע ווי מען זאָגט, מיט מיינע צען פינגער, אין מיין דאָבל גאַראַדזש האָב איך גענומען פּראָדוצירן בעטן, קאָפּע־טישלעך. מיין אַרבעט האָט זייער אויסגענומען אין די מעבל־קראָמען און איך האָב, ווי מען זאָגט עס אין אַמעריקע, גענומען „וואַקסן". איך האָב שוין אָפּגעדונגען אַן אַלטע געביידע, אַריינגעשטעלט אַ פּאָר גרעסערע מאַשינען, אָנגעשטעלט עטלעכע אַרבעטער און אפילו מיין פרוי, אין גאַנצן אַ פּאָר יאָר נאָך אונדזער חתונה, האָט זי זיך אויך הילפיק געמאַכט, און ביסלעכווייז האָב איך אַרויפגעאַרבעט אַ גאָר פיין געשעפט, און שוין אויפגעבויט די פאַבריק ווו איר זענט אָנגעקומען צו מיר אַרבעטן. מיינע צוויי זין, וואָס זיינען נאָך דאַן, ווי איר געדענקט מסתמא, געווען קליין, האָבן שוין געענדיקט קאָלעדזש און איך האָב זיי אַריינגעצויגן אין מיין געשעפט. איך האָב אַלע מאָל מקנא געווען ווען איך האָב געזען אַ שילד: „דער און דער און זון אָדער זין."

אין אַ צייט אַרום נאָך אייער אַוועקגיין פון אונדז, האָבן מיינע זין זיך פאַרנומען אַוועקצושטעלן דאָס געשעפט „אויף אַ נייעם, מאָדערנעם אופן." קודם כל, האָבן זיי געזאָגט, דאַרף מען עס מאַכן אַ „קאָרפּאָריישאָן", דאַרף מען שוין, הייסט עס, האָבן באַאַמטע — אַ גאַנצע געשיכטע.



דעם אמת געזאָגט, איז עס מיר ניט איבעריקס געפעלן געווען, אָבער איך האָב ניט אויסגעזעצט קעגן דעם. איר ווילט אַ קאָרפּאָריישאָן — זאָל זיין אַ קאָרפּאָריישאָן. איז דער עלטערער זון געוואָרן פּרעזידענט; דער צווייטער זון—קאַסירער, און מיך האָט מען מכבד געווען מיטן טיטול: סעקרעטאַר. זיי האָבן אָנגעהויבן איינקויפן זייער קאָסטבאַרע נייע מאַשינען צו פאַרבייטן די פאַרעלטערטע, די נייע מאַשינען האָבן, דעם אמת געזאָגט, טאַקע איינגעשפּאָרט אַ היפּש ביסל אַרבעט, אָבער עס האָט אַרויסגעוואָרפן אַ צאָל אַרבעטער און צווישן זיי עטלעכע עלטערע מענטשן, מיינע אַלטע באַקאַנטע, מיינע לאַנדסלייט פון דער היים. איך האָב געוווסט אַז פאַר זיי וועט שווער זיין צו קריגן אַרבעט ערגעץ אַנדערש, האָט עס מיך זייער געקרענקט. זיי האָבן זיך פאַרנומען גאָר גרויס: אַז מען האָט באַדאַרפט קויפן איין וואַגאָן געהילץ, האָבן זיי געקויפט פיר צי פינף וואַגאָן; אין גרעסערן קוואַנטיטעט אַז מען קויפט קאָסט עס אַ סך ביליקער, פאַרקויפט מען דאָס איבעריקע געהילץ צו קלענערע שעפער פאַר ווייניקער איידער זיי אַליין קאָנען עס קויפן און פאַר זיך בלייבט דאָס איבעריקע געהילץ כמעט אומזיסט! אַזוי האָבן זיי געטענהט...

מיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט, אויך ביידע זין מיט זייערע פּריוואַטע סעקרעטאַרשעס, ניט קיין יידישע. איך האָב זייער געליטן פון דעם און מיין פרוי האָט גאָר קיין שלום מאַכן מיט דעם ניט געקאָנט. מיינע באַציונגען מיט די זין זיינען זייער פאַרערגערט געוואָרן און מיין פרוי ע״ה, וואָס איז געווען ניט איבעריקס קיין געזונטע, האָט, ווי די ביזנעס מיינע, גענומען זינקען פון טאָג צו טאָג.

איך האָב זיך גענומען ווערן קעגן מיינע זינס נייע פּאַראַנדקעס און דאָ האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דער פאַרשאָלטענער „קאָרפּאָריישאָן": עס איז אין דעם וויפל ווער עס האָט „שערס" אום צו זאָגן אַ דעה. לאָזט זיך אויס, אַז מיינע ביידע זין האָבן זעכציק פּראָצענט שערס און איך— פערציק. איר פאַרשטייט, אויף דעם האָב איך דאָך זיי געשיקט אין קאָלעדזש... פאַר מיין שוואַכער לעבנס־באַגלייטערין איז עס שוין געווען צופיל און איך בין אָן איר געבליבן זייער פאַרעלנט!

די קינדער האָבן מיט מיר איינגעטענהט אַז איך זאָל פאַרקויפן מיין גרויסע הויז און זיך אַריינציען צו מיין טאָכטער: וואָס וועל איך זיך איינער אַליין אַרומדרייען אין די גרויסע צימערן? פאַר אַ צייט האָב איך זיי ניט געפאָלגט, אָבער לסוף זיך אונטערגעגעבן, מיטן באַדינג, אַז פאַר מיר זאָל זי קאָכן כשרע מאכלים.

עס זיינען אַזוי אַוועק עטלעכע חדשים ביז איין מאָל זע איך מיין טאָכטער ברענגט אַ גאַנצן „העם" (חזיר שינקע) אין הויז!

— ווי וואַגסטו אַריינברענגען חזיר־פליש אין הויז אַזוי לאַנג ווי איך בין דאָ? — האָב איך פּראָטעסטירט.

— אָ, איך בין שוין מיד פון דיינע כשר ביזנעס, „איט איז מאַי האַוז ענד אַי וויל דו עז אַי פּליז"! (עס איז מיין הויז און איך וועל טאָן ווי מיר געפעלט).

— עך, מיין פריינד, ווי אַזוי אַ שטייגער וואָלט טוביה דער מילכיקער געטייטשט „טוב לחסות בה׳ מבטוח באדם"—בעסער פאַרליידן רעות פון גאָט איידער טובות פון קינדער... איך האָב זיך גלייך אויף מאָרגן אַריינגעקליבן אין אַן אַפּאַרטמענט.

סיי טאַקע פון עלטער ווערן און סיי פון האַרצווייטיק און פאַרדראָס בין איך אַלץ שוואַכער געוואָרן און ס׳איז מיר שווער געווען אַליין אויסצוקומען. פון מיינע זין און די ביזנעס האָב איך זיך אין גאַנצן דערווייטערט, און איך בין אַוועק אַהער אין מושב זקנים. גלייבט מיר, ס׳איז דאָ גאָר ניט אַזוי שלעכט. מען באַהאַנדלט אייך דאָ כמעט ווי אין אַ האָטעל, מען באַפריינדעט זיך מיט מענטשן און מען איז ניט אַליין...

איך האָב אים אָפּגעפירט צוריק אין דער „האָום", גאָר, גאָר אונטער אַנדערע אומשטענדן ווי איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געטראָפן ווען איך בין אָנגעקומען צו אים אַרבעטן... ער האָט זיך געהאַלטן זייער ריין און נעט, אָבער ער האָט אויסגעזען זייער פאַרעלטערט און אָפּגעצערט.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט. איך האָב אים געגעבן מיין האַנט, אים געווונטשן אַ זיי־געזונט. מיט זייער אַ שוואַכן דרוק האָט ער געהאַלטן מיין האַנט און מיט געבעט אין די אויגן געזאָגט:

— מיסטער אַלטערמאַן, איך וואָלט אייך זייער בעטן מיר טאָן אַ גרויסע טובה.

איך האָב זיך דערפרייט וואָס איך וועל קאָנען מיט וואָס ניט איז אים דינען.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — האָב איך געענטפערט — אויב נאָר מעגלעך! זאָגט נאָר וואָס פאַר אַ טובה פאַרלאַנגט איר?

— איך וואָלט אייך בעטן אַזוי גוט זיין און דאַווענען דאָ היינט מנחה. איר ווייסט ווי איך פלעג שטענדיק ליב האָבן אייך הערן דאַווענען. איך פיל אַז איך בין אַ סך שוואַכער ווי איך זע אויס און אַז איך זע אייך דאָס לעצטע מאָל.

איך בין באמת געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, אָבער אַזאַ מין ווונטש האָב איך ניט געקאָנט אים אָפּזאָגן. איך בין אַוועק צום פאַרוואַלטער און אים געזאָגט און וואָס עס האַנדלט זיך און דער פאַרוואַלטער האָט געגעבן זיין צושטימונג.

איך געדענק באמת ניט אויב איך האָב ווען ניט איז אין מיין גאַנצער חזנות־קאַריערע געדאַוונט מיט אַזאַ צעוויייטיקט האַרץ. איך בין שוין דאָרט פאַרבליבן ביז נאָך מעריב און מיט אַ שווער געמיט מיט אים זיך געזעגנט צוזאָגנדיק אַז איך וועל גאָר בקרוב אים קומען ווידער זען.

אין אַ וואָך אַרום האָט מען מיר אָנגעקלונגען פון מושב זקנים, אַז איך זאָל תיכף קומען. איך האָב אים געטראָפן ליגן אין בעט. זיין בליק איז שוין געווען אַ ניט־דאָיקער. ער האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שוואַכן שמייכל. אַ פּאַס ליכט פון דער אונטערגייענדיקער זון האָט זיך אַריינגעריסן אין פענצטער און באַלויכטן זיין אָפּגעצערט־צערונצלטן פנים און האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן. דאָס ליכט איז געווען צו־שטאַרק פאַר זיינע אויגן און ער האָט אָפּגעקערט דאָס פנים אָן אַ זייט.

— איך האָב אויך געשיקט נאָך מיינע קינדער, אָבער ווי איר זעט זיינען זיי נאָך ניט דאָ. זייט זיכער, צו דער צוואה לייענען וועלן זיי זיין אין צייט...

איך האָב אין לעבן פיל חשבונות געמאַכט: חשבונות אין געשעפט, חשבונות מיט מענטשן, חשבונות אפילו מיט גאָט, אָבער דעם סך־הכל פון חשבון־הנפש איז שווער אונטערצוציען! ווילט זיך אַזוי פיל זאַכן אַרויסצוזאָגן איידער דאָס „זאָגן" שטעלט זיך אין גאַנצן אָפּ, אָבער מען קאָן צוריק ניט כאַפּן... נו, מיין ליבער פריינד, וואָס איך האָב געבעטן אייך קומען איז אָט וואָס... — ער האָט זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט פון ריידן, ווי ער וואָלט וועלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און פאָרגעזעצט: —

— מען דערציילט אַז אין דער שטאָט וווּ דער מלבים האָט געוווינט איז געווען אַן אַפּטייקער, אַ גרויסער אַפּיקורס. ער איז אָבער געווען אַ וויל־געבילדעטער, אַ פילאָסאָף און אַ גוטער שאַך־שפּילער. דער מלבים אַליין האָט זייער ליב געהאַט פילאָסאָפיע און שפּילן שאַך. האָט ער זייער גערן געהאַט מיט אים צו פאַרברענגען. ווען דער מלבים איז שוין געווען אין זיינע לעצטע שעהען, האָט ער געשיקט זיין שמש נאָכן אַפּטייקער. ווען דער אַפּטייקער איז צוגעקומען צום מלבימס הויז, האָט ער געזען אַ געדרענג מיט מענטשן, זיינע חסידים און סתם פריינד, אָבער מען האָט קיינעם פון זיי ניט אַריינגעלאָזט אין הויז. פאַר אים אָבער איז די טיר געווען אָפן. האָט ער געפרעגט דעם רבין, ווי אַזוי קומט עס? האָט אים דער מלבים געענטפערט: מיין פריינד, זיי וועל איך דאָך אם ירצה השם זען אין גן־עדן, דיך אָבער וועל איך דאָך שוין מער ניט זען...

אין דעם פאַל איז פונקט פאַרקערט: איר זענט דאָך אַ שליח ציבור, אַ לערנער, וועט איר דאָך צו הונדערט און צוואַנציק יאָר זיכער גיין גלייך אין גן־עדן אַריין; אָבער איך, פאַר וועלכע מעשים טובים? האָב איך אייך טאַקע געוואָלט זען כאָטש נאָך איין מאָל. אָבער אין דער אמתן וויל איך אייך בעטן מיר טאָן אייער לעצטע טובה, און דאָס איז: ווען דער „טאָג" וועט קומען, און קומען וועט, פיל איך, גאָר אין גיכן, זאָלט איר זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים און מאַכן דעם אל מלא רחמים.

— גייט שוין, גייט — האָב איך געפּרוווט אים טרייסטן — אַזעלכע זאַכן אַנטלויפן ניט, און נאָכלויפן זיי איז זיכער ניט כדאי.

ער האָט אַ שוואַכן שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך בין ניט געכאַפּט אין חשבון, איך ווייס ווו איך האַלט.



* * * * *

די ערשטע נאַכט נאָך דער לוויה, ווי נאָר איך בין איינגעשלאָפן, ערשט ער קומט מיר אין חלום! זיין ווונטש האָב איך דאָך דורכגעפירט בשלימות, איז וואָס נאָך פאַרלאַנגט ער פון מיר? בין איך אַראָפּ פון בעט און אָנגעצונדן אַ ליכט נאָך זיין נשמה. אויף מאָרגן ביינאַכט, מיין פריינד ראָזענשטיין קומט מיר ווידער אין חלום, שטייט ביי דער טיר און קוקט אויף מיר מיט דעם זעלבן געבעט אין די אויגן ווי ווען ער האָט מיך געבעטן דאָס לעצטע מאָל פאַר אים דאַווענען מנחה... מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַז זיין נשמה הויערט אין חלל פון שול אין מושב זקנים און בענקט נאָך מיין דאַווענען. אויף מאָרגן בין איך מיט מיין גאַנצן כאָר געקומען דאָרט דאַווענען מנחה, און אַזוי זינט דאַן, יעדן מיטוואָך אָוונט.

— מער האָט ער זיך צו אייך ניט באַוויזן? — האָט איינער פון דער מסיבה געפרעגט.

— מער האָט ער זיך צו מיר ניט באַוויזן — האָט דער חזן געענטפערט.


# דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

פאַרבאַנד שטאָט־קאָמיטעט פון
יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד

אפרים שטיין, פרעזידענט

JEWISH NATIONAL WORKERS ALLIANCE
8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048
Telephone: 938-3823

ישראל עמיאָט / ראָטשעסטער, ניו־יאָרק

# שמואל יוסף עגנון

## (צו זיין ערשטן יאָרצייט)

דאָס ערשטע וואָס איז מיר פּאַראַיאָרן געקומען אויפן געדאַנק, הערנדיק וועגן ש. י. עגנונס פּטירה, איז: נפלה עטרת ראשנו! די קרוין פון אונדזער קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן!

אַ גאַנץ שעפעריש לעבן האָט דער מייסטער באַקרוינט דעם ייִדישן מענטשן, דעם ייִדישן שטייגער, געשילדערט אָרעמקייט, און זע: דער ייִד איז גאָר רייך, האָט אַזוי פיל ווערטן, אַזוי פיל שיינקייט און אויפן קאָפּ אַ קרוין, אַ בן־מלך!

קיינער פון די העברעישע שרייבערס ביז אים האָט אַזוי גוט ניט פאַרשטאַנען דעם ווערט פון דער ייִדישער אגדה (אויסער ביאַליקן), וואָס דאָס מיינט די ייִדישע לעגענדע, וואָס איז געשליפן געוואָרן אין פאַרלויף פון דורות, ווי אַ ים שלייפט שטיינער (טאַקע ביאַליקס אַן אויסדרוק אין איינעם פון זיינע בריוו). קיינער, ווי עגנון, האָט אַזוי ניט פאַרבונדן די פּאַסירונגען אַפילו פון זיין צייט, צום מדרש, צום ספר. קיינער האָט ביז אים ניט אַזוי שאַרף און דורכדרינגלעך פאַרשטאַנען אויסצוטיילן דאָס גורלדיקע אין ייִדישן לעבן, דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע.

ביי אים איז דאָס מעשהדיקע אַפילו איינעם רעאַלן, ניט געווען קיין פראַגע פון בלויזער סטיליזאַציע. סטיליזאַטאָרן זיינען געווען ביז אים און נאָך אים. שוין בלויז אָנצורופן מאַרטין בובער, אָבער ביי עגנונען איז עס, אויסער אַ זאַך פון קונסט, אויך אַ זאַך פון גלויבן. ער גלייבט אַז אַזוי דאַרף געשילדערט ווערן דאָס ייִדישע לעבן, ווייל עס איז המשכדיק, עס ענדערט בלויז די פאָרם. ער דערגראָבט זיך צום מיטאָס פון ייִדישן פאָלק, ווייל יעדער פאָלק האָט זיין אייגענעם מיטאָס.

ער איז דער גרויסער גלויבער, ווייל די גאַנצע ייִדישע געשיכטע איז פול מיט גלויבן.

ער איז לפנים בלויז פשט, אָבער גלייכצייטיק זייער ראַפינירט. די גוזמאדיקייט ביי אים איז טיפּיש כאַראַקטעריסטיש פאַרן ייִדישן מענטש, וואָס האָט דורי־דורות זיך געלערנט צו שפּאַנען אין דער הויך, אַנשטאָט אין דער ברייט.

די גוזמאות פון רבה בר בר חנא אין דער גמרא זיינען ניט געווען גלאַט איבערטרייבונגען, נאָר פליגל צו לערנען דעם ייִדן זיך אויפהייבן איבער דער טרויעריקער און ענגערווירקלעכקייט, פאַנטאַזירן, גלויבן אינעם קומענדיקן מאָרגן, כאָטש היינט זעט עס אויס אוממעגלעך.

זיינען בלויז געווען פּאָזיטיווע העלדן ביי עגנונען?

ניט אַלע העלדן פון „אלו ואלו“, פון „בלב ימים“ בפרט פון זיין בעסט ווערט: „אורח נטוי ללון“ (אַ גאַסט אויף אַ ווייל) זיינען בלויז פּאָזיטיוו. אָבער פּונקט ווי עס זאָגט ערגעץ ר׳ נחמן בראַצלאַווער, אַז דער רשע, אַז ער וועט קומען אויף יענער וועלט, וועט אים אָננעמען אַ גרויסע בושה פאַר זיינע זינד, אַזוי ווערט ביי עגנונען דער רשע קליגער שוין אויף דער וועלט. זיין רשע איז ניט קיין רשע אויף אייביק, פאָלקס־חכמה מאַכט וויינען אַפילו אַ גזלן אין וואַלד.

ס׳איז דעריבער ניט קיין וווּנדער, וואָס דוקא אַזאַ פּעסימיסט און ניט־גלויבער ווי יוסף חיים ברענער, האָט זיך פּשוט געקלעפּט צו ש. י. עגנון. דעם ניהיליסט האָט געצויגן צום קוואַל פון גלויבן, דאָס וואָס עס איז געווען ש. י. עגנון.

און די מייסטערשאַפט פון זיין שפּראַך? דער גאון פון דער העברעישער שפּראַך, נחום סאָקאָלאָוו, האָט געווידמעט אַ גאַנצע עסיי פון 22 זייטן (זע: נ. סוקולוב „במראות הקשת“, הספריה הציונית, ירושלים תש״ד), פול מיט געניאַלע בקיאות און הריפות אונטערן נאָמען „מגיפת המליצה הנכריה“, די מגיפה פון פרעמדער (ניט־ייִדישער) מליצה. דאָרט פּאָלעמיזירט ער מיט טייל געלערנטע פון דער העברעישער שפּראַך, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט פרעמדע אויסדרוקן פון אַנדערע שפּראַכן און ציטערן אימת מוות פאַר אַ פאַראַפראַזע פון אַ פסוק פון תלמוד, פון מדרש, פון אַן אַלטן ספר.

ער, סאָקאָלאָוו, דער גרויסער שפּראַכקענער, דערציילט, ווי ער איז אַרומגערינגלט מיט פראַנצויזישע און ענגלישע צייטונגען און ער געפינט דאָרט כסדר פסוקים פון תנ״ך, אָבער ווען ער האָט באַזוכט אין זיינער צייט וואַרשע, האָט מען געהאַט אויף דער פּוילישער בינע געשפּילט „ווילקי נאָצי“ (נאַכט־וועלף), האָט די העברעישע צייטונג דאָס איבערזעצט „זאבים בלילה“, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן פסוק „זאבי ערב“ (צפניה ג׳ ג׳).

ש. י. עגנון איז געווען דער אמתער גאון פון דער פּאַראַפראַזע, אַפילו די וווּנדערלעכע נעמען פון זיינע ביכער האָבן ערגעץ אַ שורש. זיי קומען פון פסוקים, פון פיוטים, פון אַ זאָג ערגעץ אין אַ ספר.

„אורח נטוי ללון“ איז פון ירמיה; „אלו ואלו“ איז גענומען פון מחזור, פון אַ פיוט פאַר ראש־השנה; „בלב ימים“ איז אַ פסוק, און אַזוי הונדערטער, הונדערטער אויסדרוקן, וואָס האָבן זייער מ ק ו ר אין ספרא, ספרי, מכילתא, אין אַ מוסר ספר צי אַ חסידישן ספר.

אַז איר לייענט זיך גוט אַריין אין עגנון זעט איר אַלץ מער, אַז ביי אים שפּילט אַ ראָל מער דער „ווי אַזוי“ ווי דער „וואָס“. דער נאָמען פון זיינער אַ דערציילונג „שלא אכשל“ (איך זאָל ניט געשטרויכלט ווערן), אַן אויסדרוק, וואָס ייִדן זאָגן ביים בענטשן, ברכת המזון, דאַכט זיך אויבנאויפיק אַז דאָ קען דאָך אַוודאי ניט זיין אָרט אויף קאָנפליקטן און קאָמפּליצירטע פּאַבולעס, אָבער ביי אַזאַ מייסטער ווי עגנון, קען אַפילו אַזאַ דעטאַל אויסוואַקסן אין אַ קאָנפליקט.

* * *

אַ גרויסער מייסטער האָט פּאַראַיאָרן פאַרלאָזן אונדזער וועלט, אַ גרויסער ייִד איז נפטר געוואָרן, אַ גרויסער מחדש פון דער העברעישער שפּראַך, אַ פּענאָמען, וואָס האָט אין העברעיש אַריינגעבראַכט דעם קרעכץ פון ייִדיש, דעם געלייטערטן טרער און די שטילע, הייליקע פרייד פון אונדזערע מאַמעס ביי ליכט־בענטשן.



# שמריהו קאָוונער ע״ה

אַ לעבן־לאַנג האָבן אַלע געגלייבט, אַז סעם קאָוונער הייסט מיט זיין ייִדישן נאָמען שמואל, ערשט ביי זיין לוויה האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיין ייִדישער נאָמען איז גאָר געווען שמריהו. ווי עפּעס סימבאָלישעס איז זיין נאָמען מיט זיין האַלטונג. ער איז טאַקע געווען אַן אָפּגעהיטענער מיט זיינע מעשים, מיט זיין גאַנג אין לעבן, מיט זיין באַציונג צו מענטשן. ער איז געווען אַ שטיקל איינגעשלאָסענער. ווען ער פלעגט ריידן, פלעגט זיך זיין פּנים פאַרציען מיט אַ שמייכל, און גאַנץ אָפט פלעגט ער כמעט מיט די הענט פאַרשטעלן כל היוצא מפיו, ווי ער וואָלט געוואָלט דערשטיקן וואָס מ׳דאַרף ניט אַרויסברענגען.

קאָוונער־גראָדסקי איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד דעם 25טן דעצעמבער 1895. שוין אַלס קינד פון 7-8 יאָר האָט ער אָנגעהויבן צו „באַפּוצן“ די ווענט פון זייער שטוב מיט „מענטשעלעך.“ דערנאָך מיט די בילדער פון משה מאָנטעפיאָרע, און ווען ער איז עלטער געוואָרן — מיט זיינע פאַרערטע קינסטלער — טאָלסטאָי, גאָרקי און אַפילו מיטן רוסישן צאַר ניקאָלאַי און להבדיל אייב לינקאָלן.

אַחוץ ייִדישע לימודים, האָט ער זיך געלערנט אייראָפּעישע שפּראַכן, מאַטעמאַטיק, היסטאָריע, לאַטיין, ווייל ער האָט זיך געגרייט אַריינצוטרעטן אין אַן אוניווערסיטעט, אָבער עס האָט אים שטאַרק געצויגן צו מאַלעריי, און ער איז דעריבער אַוועק קיין וואָראָנעזש, וווּ ער האָט צוויי יאָר שטודירט אין דער דאָרטיקער קייזערלעכער קונסט־אַקאַדעמיע. ער האָט אָבער איינגעזען, אַז עס איז פאַר אים ניטאָ קיין תכלית אין רוסלאַנד און ער האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע.

געקומען אין ניו־יאָרק, האָט ער אָנגעהויבן פילן די לאַסט פון לעבן און צווישן שטודירן און באַזוכן אויסשטעלונגען, האָט ער אַלס אַ שטיקל פּרנסה אויסגעקליבן פאָטאָגראַפיע, ביי וואָס ער האָט גאַנץ גוט „אויסגעמאַכט.“ אַ שטיקל צייט שרייבט ער ייִדישע דיכטונג, אָבער

באַלד זעט ער איין, אַז זיין געביט איז מאַלעריי. דער דאָזיקער קונסט ווידמעט ער זיך גאַנץ באַזונדערס נאָך דעם ווי ער באַזעצט זיך מיט זיין פרוי אַגאַ און קינדער (אַ זון און אַ טאָכטער) אין לאָס אַנדזשעלעס.

דאָ וואַרפט ער זיך אַריין אין גאַנצן אין מאַלעריי. זיינע ווערק ווערן אויסגעשטעלט מיט דערפאָלג אויף פאַרשיידענע אויסשטעלונגען. אָבער דאָס באַפרידיקט אים ניט אין גאַנצן, און צוזאַמען מיט זיין פרוי, די טיף־נאַציאָנאַל דענקענדע און פילנדע אַגאַ, עפנט ער זייער שטוב פאַר יידישע שריפטשטעלערס און קינסטלערס און פאַר ליבהאָבערס פון יידישער קונסט. מיט אַן אמתער אויפריכטיקער איבערגעבנהייט ווערט זייער שטוב אַ בית ועד לחכמים, ווו אַ יידישער קינסטלער פילט זיך היימיש און ווו עס ווערן געפּראַוועט פייערונגען פאַר יידישע ביכער און יידישע שריפטשטעלערס.

האָבנדיק פענאָמענאַלע הצלחה אין מסחר, זיינען די קאָוונערס ניט נאָר „קונסט־פאַרערערס" נאָר ממשותדיקע קונסט־שטיצערס. יעדער יידישער שרייבער ווייסט, אַז ער קאָן ביי זיי ווערן אַן אָפּנעמער פאַר זיין ווערק. אָבער אויך דערמיט באַגנוגענען זיי זיך ניט. זייער האַנט איז ברייט אָפן פאַר יעדער אַקציע לטובת מדינת ישראל און פאַר לאָקאַלע יידישע אינטערעסן.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז קאָוונער ערנסט קראַנק געוואָרן, אָבער דאָך האָט קיינער ניט דערוואַרט, אַז ער זאָל אַזוי שנעל אַוועק אין דער אייביקייט. די איינציקע טרייסט פאַר זיין צעווייטיקטער פרוי אַגאַ און קרובים איז דער גוטער נאָמען אַלס ערנסטער קינסטלער, ווילער מענטש און וואַרעמער ייד, וואָס קאָוונער האָט איבערגעלאָזט.

ז. ז.

---

שמריהו קאָוונער

## ווייט, ווייט...

ווייט, ווייט פון דאַנען —
אין לאַנד פון האָריזאָנט,
ווו ערד און הימל קומען זיך צוזאַמען,
פאַרגייט די זון;
איך ווייס דערפון,
ווייל מיר איז אומעטיק געוואָרן.

פון ווייטן ווייט,
פון לאַנד פון האָריזאָנט,
פון דער זינקענדיקער זון,
ציען פעדים־שטראַלן
ביז מיין ברוסט;
עס וועקט מיין לוסט,
און איך בין אומרואיק געוואָרן.

ווער ווייסט ווי ווייט —
און אפשר זייער נאָענט —
בענקט אַ יונגפרוי אין דער כישופדיקער שאַכט.

זי בענקט נאָך מיר,
ווי איך נאָר איר,
נאָר צווישןביידן, ווי אַ טייך,
ליגט אויסגעשפרייט אַ שוואַרצע,
שוואַרצע נאַכט.

(איבערגעדרוקט פון „די פעדער",
האַרבסט, 1933)



מיכאל זילבערבערג / לאָנדאָן

# אַ צוזאַמענטרעף מיט ש״י עגנון

געווען איז דאָס מיט איייניקע יאָר צוריק. זייענדיק אין ישראל, האָב איך געוואָלט זיך טרעפן מיט דעם גרויסן דיכטער שמואל יוסף עגנון. אין משך פון יאָרן איז מיר עגנון געווען זייער נאָענט, איך האָב כסדר נאָכגעפאָלגט יעדע נייע דערציילונג, יעדן נייעם בוך און געווען באַגייסטערט מיט זיינע שאַפונגען. גאַנץ באַזונדער האָט אַפּעלירט צום לייענער זיינס אַ דערציילונג, זיינס אַ בילד נאָך דעם גרויסן חורבן פון יידן אין אייראָפּע. די פשוטע און פאָלקסטימלעכע בילדער פון זיין אַמאָליקער סביבה זיינען געווען ווי אַ נר תמיד צו די אַלע פאַרשניטענע שטעטלעך אונדזערע, אַזוי אין פוילן ווי אין שכנותדיקע לענדער. אַ לעבנגעבליבענער פון פוילן האָט ממש געשלונגען יעדער וואָרט, יעדע שורה פון דעם איצטיקן לאַנאַט; אין די שווערע טעג נאָך דער באַפרייונג זיינען די ביכער פון ש״י עגנון צעכאַפּט געוואָרן ווי עפּעס אַן אבן־טוב, זיי זיינען געווען אַ טרייסט פאַר יעדן פון אונדז.

ווי געזאָגט, האָב איך געוואָלט זיך טרעפן מיט דעם גרויסן קינסטלער. עס איז אָבער ביי מיר געווען אַ ספק צי אַזאַ צוזאַמענטרעף וועט זיך איינגעבן אָן אַ וועזנטלעכע סיבה — קומען אַזוי זיך אָן אַ רעקאָמענדאַציע, וועט זיך דאָס אַוודאי ניט איינגעבן.

גראָד בין איך געווען ביי אַ פריינד מיינעם אין מוסד ביאַליק אין ירושלים, און שמועסנדיק האָב איך דערמאָנט אויך וועגן מיין ווונטש צו פאַרבינדן זיך מיט ר' שמואל יוסף עגנון. איך האָב נישט אויסבאַהאַלטן מיינע ספקות וועגן דערפאָלג פון אַזאַ זאַך. מיין פריינד האָט מיך אויסגעלאַכט. עס איז גענוג, זאָגט ער, צו טעלעפאָנירן און אָפּריידן אַ שעה, דאָס איז אַ גאַנץ לייכטע זאַך. און כך הווה, גלייך טעלעפאָנירט און אָן שום שוועריקייטן באַשטימט אַ שעה ביי עגנונען אין הויז.

דער צוזאַמענטרעף, איייניקע טעג פאַר סוכות, איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבערלעבונג און אַלץ איז פאַרבליבן אין מיין זכרון ווי עס וואָלט היינט געשען, נישט מיט יאָרן צוריק.

שוין פון ערשטן בליק האָט עגנון אויף מיר געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם. ער האָט טאַקע אויסגעזען אַזוי ווי איך האָב מיר אים פאָרגעשטעלט פון זיינע ווערק, הגם איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען. אַזוי איז מן הסתם מיט יעדן קינסטלער — אויפן סמך פון די ווערק, שאַפט מען זיך אַ בילד וועגן דעם מחבר.

פאַר אַלעמען האָט שטאַרק אימפּאָנירט זיין פשטות, זיין באַשיידנקייט, זיין דירעקטער צוגאַנג. אין פערזענלעכן קאָנטאַקט מיטן קינסטלער האָט זיך נישט געפילט קיין שמינית שבשמינית פון גאווה, פון שטאָלץ און איינרעדעניש, וואָס איז אָפט כאַראַקטעריסטיש פאַר גרויסע און טאַלאַנטירטע מענטשן.

געקומען אין שטוב אַריין בין איך גראָד ווען ער איז געשטאַנען און געדאַוונט מנחה. די פרוי האָט מיך אַריינגעפירט אין קאַבינעט און געשטעלט כיבוד אויפן טיש.

אָנגעהויבן האָבן מיר פון אַלגעמיינע ענינים און צוביסלעך איבערגעגאַנגען צום עיקר. און וואָס איז געווען דער עיקר?

ווען ער האָט דערהערט אַז איך קום פון וואַרשע, אַז איך האָב איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן אין דער שטאָט, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין צווייטע טעמע, פאַרלאַנגט איך זאָל דערציילן וועלן אַלץ, וועגן לעבן אין געטאָ, וועגן די גייסטיקע אָנשטרענגונגען פון יידן אין געטאָ און אויך וועגן זייער אומקום. גאַנץ באַזונדערס האָט ער געוואָלט וויסן וועגן רבנים, רעליגיעזע מענטשן און בכלל וועגן די שטימונגען צווישן די רעליגיעזע מענטשן.

אַוודאי האָב איך געוואָלט עפּעס הערן פון אים אַליין, צו דעם איז אָבער אין אָנהייב נישט געקומען. ער האָט כסדר איבערגעחזרט: דערציילט, דערציילט ווייטער. גראָד איז אַריינגעקומען אַ שכן, אַן אָדם חשוב, אַ למדן, וועלכער האָט כסדר

געוואָלט שטעלן פראַגן. עגנון האָט אים איינגעשטילט, געבעטן ער זאָל בעסער זיצן און הערן, נישט שטערן. עגנון איז געזעסן אַ דערשראָקענער, געשלונגען יעדעס וואָרט. געקוקט אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן און זיך איינגעהערט מיט זיין גאַנצן וועזן.

פאַר מיר איז דאָס אַלץ געווען אַ באַזונדערע איבערלעבונג; איך האָב אָפט געהערט פון באַקאַנטע יידישע פערזענלעכקייטן, אַז מען דאַרף פאַרגעסן, גענוג, גענוג שוין געהערט וועגן חורבן, און דאָ אומגעריכט אַזאַ איבערראַשונג. עגנון האָט אין זיך איינגעזאַפט, אַריינגענומען יעדן פרט, געווען אַן אמתער משתתף בצער, אַ מיטשותף צו אַלעם, וואָס איז דאָרט געשען, ווי עס פאַסט טאַקע פאַר אַ גרויסן יידן און פאַר גרויסן דיכטער. איך בין געזעסן מיט אַ נאָנטן, מיט אַ היימישן פוילישן יידן, וועלכער האָט אין דעם מאָמענט דורכגעלעבט דעם גאַנצן חורבן אונדזערן.

זיצנדיק מיט דעם דיכטער, האָב איך זיך גראַד דערמאָנט אין מיין ערשטן צוזאַמענטרעף מיט שלום אַש אין לאָנדאָן. ער האָט אויך, אַזוי ווי עגנון, געוואָלט וואָס מער וויסן וועגן חורבן, בפרט וועגן חורבן פון די יידישע שטעטלעך. איך האָב געוואָלט הערן פון אים אַ מיינונג וועגן אַשן. און דאָס איז טאַקע געשען.

ווען איך האָב דערמאָנט אַשן, האָט מען געקענט זען, אַז עגנון איז גרייט עפעס צו זאָגן, און איך האָב גלייך איבערגעריסן.

עגנון האָט איבערגעגעבן, אַז צום לעצטן מאָל האָט ער געזען שלום אַשן אין האָטעל פון מלך דוד אין ירושלים. ער האָט אים דאָרט געזען, אָבער אויסגעמיטן צוליב דער באַקאַנטער העצע, וואָס איז אין דער צייט אָנגעגאַנגען קעגן דעם שרייבער. עגנון האָט צוגעגעבן, אַז ער האָפט, אַז אַש האָט דאָס נישט באַמערקט און עס איז נישט געקומען צו דעם „המלבין את פני חברו ברבים.“ ער האָפט אויך אַז דער נפטר איז אים מוחל, נישט געקוקט אויף דער עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אים.

ביים סאַמע סוף האָט עגנון געוואָלט הערן וועגן יידישן לעבן אין ענגלאַנד, וועגן יידישקייט אין אונדזער מדינה און בפרט וועגן רעליגיעזן לעבן פון ענגלישע יידן.

יוו שוין געזאָגט, איז דאָס געווען מיט יאָרן צוריק, איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קליינער חסיד פון דעם שטייגער לעבן פון יידן אין ענגלאַנד, דער גאַנצער דרך זייערער האָט ביי מיר אויסגעזען לעכערלעך, נישט קיין יידן, נישט קיין ענגלענדער. איך האָב דעמאָלט געלעבט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט דער פאַרשוווּנדענער יידישער וועלט, מיט אַמאָליקער יידישקייט. דאָס האָט אָבער נישט געגעבן קיין רעכט צו קריטיקירן ענגלישע יידן, מיט זייער התנהגות, מיט זייער יידישקייט און מיט זייערע אינסטיטוציעס. איך האָב דאָס געזאָגט דעם גרויסן קינסטלער און צוגעגעבן, אַז כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע וועגן יידן אין ענגלאַנד, בין איך גרייט צו דערציילן אַ מעשה פון אַ מאָל, וואָס האָט געטראָפן מיט יאָרן צוריק אין פוילן.

עגנון האָט געבעטן איך זאָל טאַקע דערציילן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם. אַ סימן האָבן איך געהאַט שפעטער, ווען עגנון האָט איבערגעגעבן פאַר די לייענער פון „הארץ“ אין ירושלים וועגן מיין באַזוך ביי אים און גלייכצייטיק איבערגעחזרט די מעשה, וואָס איך האָב ביי אים אין שטוב דערציילט.

געווען אין קראָקע אַ רייכער האָלץ־סוחר, פלעגט ער אַליין פירן האָלץ פון קראָקע קיין דאַנציק. דאָס האָלץ איז וואָכן געשווומען מיט דער ווייסל און דער סוחר האָט די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אויפן טייך. געהאַט האָט ער מיט זיך אַ משרת, אַ גוי, וואָס האָט געדינט ביי יידן אַלע זיינע יאָרן. דער גוי האָט אויסגעצייכנט געקאָנט יידישע מנהגים, געוואוסט פון יידישן שטייגער־לעבן און גערעדט יידיש ווי אַ ייד.

אַז עס איז געקומען ערב שבת, האָט זיך דער ייד אָפגעשטעלט מיט דעם האָלץ ביי אַ יידיש שטעטל, ער איז אָבער געבליבן איבער שבת אויף די אַזוי־גערופענע טראַטוועס. ער האָט יעדן פרייטאָג געשיקט זיין משרת אין שטעטל אַריין, און דער משרת האָט איינגעקויפט, לכבוד שבת פיש, חלות און אַן עוף. דער גוי האָט שוין געוואוסט, אַז קויפן קויפט מען אַ לעבעדיק הינדל, מען גייט צום שוחט און דער שוחט גיט אַ חתימה, אַז ער האָט דאָס געשחטן כדת וכדין. אַזוי איז געווען אין אַלע שטעטלעך ביז זיי זיינען געקומען צו דער אַמאָליקער דייטשישער פראָווינץ. ווען זיי זיינען געקומען קיין טורן, האָט זיך דער משרת ווידער געלאָזט אין שטאָט אַריין איינקויפן פאַר זיין באַלעבאָס אויף שבת. שווער געווען צו געפינען אַ שוחט אין שטאָט. לאַנג געזוכט און געפונען. דער גוי קלאַפט אין טיר, עס עפנט אַ פאַרשוין, וואָס האָט נישט אויפן אויסזען קיין סימן פון יידישקייט, נישט קיי באָרד, נישט קיין פאות, אפילו נישט קיין קאַפאָטע. דער גוי פרעגט, פאַרשטייט זיך אין יידיש, ווו איז דער שוחט. — דאָס בין איך דער שוחט — ענטפערט דער מענטש. ער נעמט אַרויס אַ קאַפעלע, אַ חלף, מאַכט אַ ברכה און קוילעט דאָס הינדל. אַלץ אין פיין און שיין. דער גוי פאַרלאַנגט אָבער פון שוחט אַ חתימה, ווי דער דין איז. דער שוחט קוקט אויף דעם משרת מיט בייזע אויגן און פרעגט אין כעס: — וואָס, דיר דאַרף איך געבן אַ חתימה, דו ביזט דאָך קיין ייד נישט! אויף דעם האָט דער גוי געענטפערט: — ווען איך וואָלט געווען אַ ייד, וואָלט איך פון אייער שחיטה נישט געגעסן...

עגנון האָט געשמייכלט, די מעשה האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין שום פירוש. מיר האָבן זיך געזעגנט, אָבער עגנון האָט מיך נאָך באַגלייט צום אויטאָבוס, נאָך אַ מאָל זיך געזעגנט און געווינטשן אַ פרייליכן יום־טוב.



ש. י. עגנון

# צוויי דערציילונגען

איבערזעצט פון א. אַלמוג

## א) סייעתא דשמיא

דער גאון רבי אליהו קלעצקין זכרונו לברכה, האָט מיר דערציילט: איין מאָל ביז איך געקומען קיין קאָוונע און געגאַנגען אָפגעבן שלום רבי יצחק אלחנן, זכר צדיק לברכה. איז צו רייד געקומען איבער מיין שטאָט מאַריאַמפאָל, ווו כ׳בין אַ צייט לאַנג געווען רב. זאָגט צו מיר רבי יצחק אלחנן, אַז נישט ווייט פון מאַריאַמפאָל איז פאַראַן אַ מקום, וואָס הייסט דיק. איר קענט מסתמא אָט דאָס שטעטל. עס איז אַזוי גרויס ווי אַ טל־ומטר אין אַ קליין סידורל. אַ מאָל האָט מען מיך פאַרבעטן דאָרטן אַהין אויסצוגלייכן צווישן צוויי סוחרים. איין צד האָט זיך אויסגעקליבן דעם רב פון שטעטל און איין צד — אַ רב פון דער געגנט, און איך האָב געדאַרפט זיין דער דיין שלישי. אַהין געקומען קיין דיק, האָב איך מיך געפילט מיד פון וועג. דער רב האָט מיר אָפגעגעבן זיין בעט. בשעת איך בין אַזוי געלעגן אין בעט זיינען צוויי יידן געקומען זיך לאָדענען פאַר אים. איך האָב זיך געמאַכט שלאָפנדיק, כדי צו הערן ווי ער וועט פסקענען.

זאָגט דער רב צו אָט די צוויי יידן, רבי יצחק אלחנן פון קאָוונע איז דאָ, לאָמיר־זשע פאַרלייגן אייערע טענות פאַר אים. האָט ער גלייך געזען אַז איך שלאָף. גייט ער צוריק צו זיי און קערט זיך ווידער אום צו מיר. אַזוי האָט ער געטאָן אייניקע מאָל, נישט האָבנדיק די העזה מיך אויפצוּוועקן. איך האָב געהערט ווי ער באַדויערט וואָס רבי יצחק אלחנן שלאָפט.

איך בין מיר געלעגן מיט די אויגן פאַרמאַכט, אָבער מיט די אויערן אָפן, אָנגעשטרענגענדיק מיך צו הערן ווי אַזוי ער פאַרטיפט זיך אינעם ענין און ווי אַזוי ער ברענגט אַרויס דעם פסק־דין. איך האָב איינגעזען, בעת ביידע צדדים האָבן פאַרגעלייגט זייערע טענות, אַז עס איז אַ האַרבער ענין. ממש אָט אַזאַ ענין איז געקומען פאַר מיר מיט אַ צייט צוריק און עס האָט מיר גענומען אַזש דריי חדשים איידער כ׳האָב אַרויסגעבראַכט דעם דין. קענט איר שוין פאַרשטיין מיין באַגער צו הערן אָט דעם רבס פסק. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט געפסקנט גענוי אַזוי ווי איך. בלויז וואָס ביי מיר האָט עס גענומען גאַנצע דריי חדשים בעת ער, האָט אַרויסגעגעבן דעם פסק־דין אין אַ קליינער ווילע.

ווען ביידע יידן זיינען אַוועקגעגאַנגען, בין איך אויפגעשטאַנען פון בעט. קומט דער רב און דערציילט מיר, אַז אַ ביסל

פריער זיינען ביי אים געווען צוויי יידן מכוח אַ געוויסן ענין. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן זיך אויסטענהן פאַרן קאָוונער רב. נאָר זעענדיק ווי מעלתו שלאָפט, האָב איך נישט געהאַט די העזה אים אויפצוּוועקן.

האָב איך אים געפרעגט: און ווי אַזוי האָט איר געפסקנט? האָט ער מיר געזאָגט. זאָג איך: אויף וואָס פאַר אַ סמך האָט איר אַזוי געמשפט? זאָגט ער מיר, לויטן ש״ך. זאָג איך, אויף וועלכן אָרט אין ש״ך זענט איר מכוון? ווארום איך געדענק נישט, אַז דער ש״ך זאָל אַזוי פסקענען. עפנט ער אויף דאָס ספר ש״ך און ווייזט מיר. פאַרטיף איך מיך אין די ווערטער פון ש״ך און זע ממש פונקט דעם היפוך פון דעם, וואָס אָט דער רב האָט געפסקנט. איך ווייז עס אים. ווערט ער נבהל און גיט אַ געשריי: ווי איז מיר וואָס כ׳האָב געפסקנט שלא כדין! זאָג איך צו אים: באַרואיקט אייך, איר האָט געפסקנט ריכטיק און איך אַליין האָב אויך אַזוי געפסקנט. און איך האָב אים גלייך דערציילט די גאַנצע זאַך. און בנוגע די ווערטער פונעם ש״ך האָט יענער רב געהאַט סייעתא דשמיא, מחמת ער האָט דאָרט נישט פאַרשטאַנען די רייד.

## ב) אַ מעשה מיט אַ ציג

אַ מעשה מיט אַ זקן, וואָס האָט געשפיגן פלעגמע, אַז עס האָט אַזש געריסן דאָס האַרץ. איז מען געגאַנגען צו דאָקטוירים פרעגן וואָס מען זאָל טאָן. האָבן זיי געהייסן אים געבן צו טרינקען ציגן־מילך. איז ער אַרויס און האָט זיך געקויפט אַ ציג און זי אַריינגעשטעלט אין אַ שטאַל אַריין. עס האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג און די ציג איז נעלם געוואָרן. איז מען געגאַנגען זי זוכן און מ׳האָט זי נישט געפונען, נישט אויפן הויף און נישט אין גאָרטן, נישט אויפן דאַך פון בית־המדרש און נישט ביים קוואַל, נישט אויפן באַרג און נישט אין פעלד.

עס האָט גענומען טעג ביז זי איז פון זיך אַליין צוריקגעקומען און ווען זי האָט זיך אומגעקערט זיינען אירע אייטערס געווען פול מיט מילך, וואָס דער טעם דערפון איז געווען ווי טעם גן־עדן. און נישט בלויז איין מאָל איז זי פאַרשווונדן פון הויז, נאָר פיל מאָל. איז מען זי געגאַנגען זוכן, האָט מען זי נישט געפונען ביז זי האָט זיך אַליין אומגעקערט און מיט אייטערס פול מילך, וואָס איז געווען זיסער פון האָניק און געהאַט טעם גן־עדן.

אַ מאָל זאָגט דער זקן צו זיין זון: מיין קינד, כ׳וואָלט געוואָלט וויסן וווהין די ציג גייט און פון וואַנען זי ברענגט אָט די מילך, וואָס איז אַזוי זיס צו מיין גומען און אַ רפואה צו אַלע מיינע ביינער. זאָגט דער זון צו אים: טאַטע, ס׳איז אַן עצה דערצו. וואָס איז די עצה? האָט דער זון זיך אויפגעהויבן און געברענגט אַ פאָדעם און אים אָנגעבונדן דער ציג צום וויידל. זאָגט דער פאָטער צום זון: וואָס טוסטו מיין זון? זאָגט ער צו אים: איך בינד אָן אַ פאָדעם צום וויידל פון דער ציג און ווען כ׳וועל פילן אַז זי וויל גיין, וועל איך האַלטן דעם פאָדעם ביים עק און גיין מיט איר אין וועג אַריין. האָט דער זקן געשאָקלט מיטן קאָפ און געזאָגט אויף אים דעם פסוק: מיין קינד, ווען דיין האַרץ איז קלוג וועט זיך אויך מיין האַרץ פרייען. דער בחור האָט אָנגעבונדן אַ שיינעם פאָדעם דער ציג צום וויידל און געהאַלטן אַן אויג אויף איר. אַזוי גיך ווי זי האָט זיך אויפגעשטעלט צו גיין, האָט ער אָנגעכאַפט דעם פאָדעם און נישט אָפגעלאָזט, און בשעת זי איז געגאַנגען האָט ער זיך נאָכגעשלעפט נאָך איר ביז זי איז צוגעקומען צו אַ הייל.

די ציג איז אַריין אין דער הייל און דער בחור אַריינגעגאַנגען מיט איר, האַלטנדיק דעם פאָדעם און גייענדיק נאָך איר. און אַזוי זיינען זיי זיך געגאַנגען אַ שעה צוויי און אפשר אַ טאָג צוויי. די ציג האָט געשאָקלט מיטן וויידל און געמעקעט מיטן מויל ביז זי איז געקומען צום סוף פון דער הייל. ווען זיי זיינען אַרויס פון דער הייל, האָט ער דערזען גרויסע און קליינע בערג מיט טייערע פירות און אַ ברונעם קוועלנדיק וואַסער פליסן פון די בערג אַראָפ און אַ ווינט בלאָזט כל מיני בשמים און די ציג קומט צו אַ בוים, און דער בוים איז פול מיט באָקסערן אָנגעשטאָפט מיט האָניק און זי עסט די באָקסערן און טרינקט פונעם גאָרטן־קוואַל. האָט דער בחור זיך אָפגעשטעלט און אויסגערופן צו די פאַרביי־גייענדיקע: איך באַשווער אייך, גוטע מענטשן, אַז איר זאָלט מיר זאָגן ווו איך געפין מיך און ווי הייסט די דאָזיקע געגנט?

האָבן זיי אים געזאָגט: דו ביסט אין



ארץ־ישראל נאָענט פון צפת. האָט דער בחור אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט: געלויבט איז גאָט, וואָס האָט מיך געברענגט קיין ארץ־ישראל. האָט אַ קוש געטאָן די ערד און זיך אַנידערגעזעצט אונטערן בוים. ר׳האָט געזאָגט צו זיך, ביז פאַרווייען וועט דער טאָג און אַנטרינען וועלן די שאָטנס וועל איך מיר זיצן אונטערן בוים. דערנאָך וועל איך גיין אַהיים און ברענגען מיין טאַטע מאַמע קיין ארץ־ישראל.

זיצנדיק אַזוי און זעענדיק זיך מיט דער הייליקייט פון ארץ־ישראל, הערט ער ווי מען שרייט: קומט און לאָמיר אַנטקעגנגיין דער מלכה שבת, און זעט מענטשן איינגעהילט אין ווייסן מיט הדס־צווייגן אין די הענט און אַלע הייזער זיינען באַלויכטן מיט אַ סך ליכט. האָט ער שוין אַליין פאַרשטאַנען, אַז עס איז ערב שבת פאַרנאַכט און מען קען זיך נישט אומקערן. נעמט ער און ברעכט אָפ אַ צווייגעלע און טונקט עס איין אין אַ נוס אַזאַ, וואָס מען מאַכט פון איר טינט צו שרייבן ספר תורות, און נעמט אַ שטיקל פאַפיר און שרייבט אַ בריוו צו פאָטער:

„פון אַ ווינקל פון לאַנד מאַך איך דיר הערן געזאַנגען, ווארום כ׳בין בשלום אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל און אָט זיץ איך נישט ווייט פון צפת די הייליקע שטאָט און זעטיק מיך מיט איר הייליקייט. און פרעג מיך נישט ווי אַזוי בין איך אַהער געקומען, נאָר נעם דעם פאָדעם, וואָס איז אָנגעבונדן דער ציג ביים וויידל און גיי טריט ביי טריט נאָך דער ציג. דעמאָלט וועסטו גיין זיכער אויף דיין וועג און קומען קיין ארץ־ישראל.”

דער בחור האָט צונויפגעדרייט דאָס פאַפירל און עס פאַרבאָרגן דער ציג אין אויער, טראַכטנדיק זיך, אַז ווען זי וועט קומען צום טאַטן, וועט ער איר גלעטן דעם קאָפ און זי וועט שאָקלען מיט די אויערן, וועט תיכף־ומיד דאָס שטיקל פאַפיר איר אַרויספאַלן פון אויער. דער טאַטע וועט עס גלייך אויפהייבן און איבערלייענען וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן און אָנכאַפן דעם פאָדעם און גיין מיט איר קיין ארץ־ישראל.

די ציג האָט זיך טאַקע אומגעקערט צום זקן, אָבער מיט די אויערן האָט זי נישט געשאָקלט און דאָס שטיקל פאַפיר איז נישט אַרויסגעפאַלן. ווי דער זקן האָט דערזען, אַז די ציג איז דאָ צוריק, נאָר זיין זון איז נישטאָ, האָט ער זיך גענומען שלאָגן אין קאָפ און שרייען, וויינען און קלאָגן: „מיין זון, מיין זון, ווו ביסטו? הלוואי וואָלט איך געשטאָרבן אויף דיין אָרט, מיין זון, מיין זון!” ער האָט געוויינט און געטרויערט אויף זיין זון, ווארום ער האָט געמיינט, אַז אַ חיה־רעה האָט אים אויפגעפרעסן: „פאַרצוקט, פאַרצוקט איז געוואָרן מיין זון....” און האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן, נאָר האָט געזאָגט, „איך וועל אַראָפנידערן צו מיין זון מיט קומער אין קבר אַריין!”

און יעדעס מאָל ווען ער האָט געזען די ציג האָט ער געזאָגט: „ווי איז דעם טאַטן, וואָס האָט פאַרטריבן זיין קינד און ווי איז צו איר, דורך וועמען ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון דער וועלט!”

און דאָס געמיט פון אָט דעם זקן האָט זיך נישט באַרואיקט ביז ער האָט נישט געלאָזט רופן דעם שוחט זי צו שחטן. איז געקומען דער שוחט און געשחטן די ציג. ווען מען האָט איר אָפגעשונדן די פעל איז דאָס פאַפירל איר אַרויסגעפאַלן פון אויער. דער זקן האָט גענומען דאָס שטיקל פאַפיר און געזאָגט: עס איז מיין זונס האַנדשריפט, און האָט איבערגעלייענט אַלץ וואָס דער זון האָט צו אים געשריבן. ער האָט זיך גענומען שלאָגן אין קאָפ אַריין און וויינען: „ווי, ווי, ווי איז דעם מענטש וואָס האָט מיט די אייגענע הענט אַ תל געמאַכט פון זיין מזל און ווי איז דעם מענטש, וואָס האָט אָפגעצאָלט מיט אַ רעה פאַר אַ טובה!

ער האָט געטרויערט פיל טעג אויף דער ציג און נישט געוואָלט זיך לאָזן טרייסטן, זאָגנדיק: ווי איז מיר, וואָס כ׳האָב געקענט מיט איין שפרונג עולה זיין קיין ארץ־ישראל און אַצינד וועל איך מוזן אָפפינצטערן מיינע טעג אין אָט דעם גלות!

פון דעמאָלט אָן איז דאָס מויל פון דער הייל פאַרהוילן פון אויג. און קיין קורצער וועג איז שוין נישטאָ. און אָט יענער בחור, אויב ער איז נישט געשטאָרבן, שפאַצירט נאָך אין גרויען עלטער, פעסט און צווייגהאַפטיק, אין לאַנד פון לעבן, רואיק און שלווהדיק.

# HANCOCK PARK CONVALESCENT HOSPITAL

SOUTHERN CALIFORNIA'S FINEST AND MOST LUXURIOUS FACILITIES

- Piped Oxygen in every room
- X-Ray, Laboratory and Pharmacy Service
- Special Diets prepared as prescribed
- Color Television in Recreation Rooms
- Superb Food
- Fully fire protected and inspected; complete automatic sprinkler system
- Beautifully furnished in cheerful relaxing decor
- Luxurious Dining Rooms
- Hi-Fi background music
- 41 Rooms, bathroom to each room
- Resort Patios, lounges & garages
- California registered nurses and licenced vocational nurses
- Occupational Psysio-Inhalation and Speech Therapy

- אַ היימישע יידישע אטמאספערע
- פריינדלעכע באַהאַנדלונג און אויפפּאַסונג
- יידישע מאכלים, היימישע מענטשן
- אַן אמתע היים — אַוועק פון דער היים.
- אַ יידישע און ענגלישע ביבליאָטעק.

- Complete convalescent services for men and women — chronic cases—cardiac geriatric—diabetic — orthopedic
- Licensed Physical Therapist
- Recreational therapy
- TV outlets in every room
- Supervised by a full time occupational Therapist
- House Physician available 24 hrs.
- Beauty Salon • Air conditioning
- Automatic zone control heating.



**505 North La Brea Ave. • Los Angeles, Calif.**

**Tel. 937-4860 (24 Hours)**

DIRECTIONS: Any East-West through Street crosses La Brea. The Hospital is situated between Melrose Avenue and Beverly Boulevard.